NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09794

A LIKHTIKE VELT

Litman

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09794-2

9780657097943T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

א ליכטיקע וועלט

1935

ליטמאן

אַ ליכטיקע וועלט

קינדער מייסעס

אילוסטראציעס
פון
מישע שווארץ

13/3298

ארויסגעגעבן פון מעכאבער

בוענאס איירעס 1935

מעניכען —
א מאמאנע.

A LIJTIKE VELT

CUENTOS INFANTILES

Por LITMAN

BUENOS AIRES 1935

Talleres Gráficos "Cultura" — Sarmiento 2157, Buenos Aires.



א טאטע גייט מיט זיין מיידעלע אריינווארפן א בריוו אין פאסט־קעסטל. האט ער א טאעס און ווארפט נישט אריין אין קעסטל דעם בריוו, נאר גאר דאס מיידעלע.

דויערט נישט לאנג און עס קומט א מענטש פון דער פאסט, וואס ווייסט נישט פון קיין באטעס און ער נעמט ארויס פון קעסטל די בריוו מיטן מיידעלע און טראגט זיי אפ אף דער פאסט.

איז אף דער פאסט פאראן אן אנדער מענטש. קוקט ער איבער אלע בריוו און געפינט צווישן זיי דאס מיידעלע.

— וואס טוסטו דא, הא? — פרעגט ער.

— מיין טאטע האט מיך אריינגעווארפן אין קעסטל.

— אזוי! און וואו איז דער אדרעס?

— ער האט נישט אנגעשריבן.

— און וואו זיינען די פאסטמארקעס?

— איך ווייס נישט.

קלערט ער, דער מענטש, און קלערט:

— מען דארף דיך צוריקשיקן, אבער איך ווייס דאך נישט וואוהין.

הערט דאס א בריוועלע, זאגט עס:

— אוי! שיק נישט צוריק דאס מיידעלע. איך האב דריי סענט פאסטמארקעס איבעריקע. גיב איך זיי אפ דעם מיידעלע.

— עס איז ווייניק.

— איך האב אויך איין סענט אן איבעריקן, — שרייט אויס א צווייט בריוועלע:

— און איך צוויי...

האקיצער, מען האט צונויפגעשלאגן פארן מיידעלע פאסט־

מאַרקעס און איר מיטגענומען אפן שיף.

אַ וועג האָט דאָס מיידעלע געהאַט אַ פרייליכן. יעדעס בריוועלע האָט דערציילט אַן אַנדער מייסעלע: ווער אַ טרויעריקס און ווער אַ פריילעכס, ווער אַ מייסעלע פון גוטע קינדערלעך און ווער אַ מייסעלע פון שלעכטע.

אַז די שיף איז געקומען קיין אייראָפּע האָט זיך באַוויזן אַ מענטש און יעדעס בריוועלע געפרעגט:

בריוועלע, בריוועלע
זאָג מיר צי ווייסטו,
וואוהין פאָרסטו
און וואוהין גייסטו?

האָבן די בריוועלעך געזאָגט:

— איך גיי קיין ליטע...
— איך גיי קיין פוילן...
— איך קיין פּיטימיטע
— איך — צו רעב יויעלן.

אַז עס איז געקומען צום מיידעלע, האָט זי נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן און דער מענטש האָט זי צוריקגעשיקט קיין אַרגענטינע און דאָ האָט מען איר געבראַכט אױף אַ פּלאַסע און יעדן געפרעגט:

— ווער קויפט אַ מיידעלע,
אַ מיידעלע פון! פּאָסט? —

ביליק און וואלוול,
א פעזע זי קאסט.

איז געקומען צולויפן באלד דעם מיידעלעס טאטע און גיזאגט:
— וויפל קאסט דאס מיידעלע. — א פעזע? נאט אייך צוויי און נאט אייך צען און גיט זי מיר אפ צוריק.



דערזעלבער איצבאק...

יאנקעלע איז אלט געווארן זעקס יאר. האט ער געמאכט א יאנטעוו. פארופן אלע קינדערלעך פון גאס און זיי געגעבן נים מים צוקערקעס. זיי געגעבן לעקעך מים וויין און זיי געוויזן אלע זאכעלעך, וואס מען האט אים געשאנקען.

איצבאקל איז אויך געווען אפן יאנטעוו און ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער דער מאמען אלץ דערציילט און געפרעגט:

— מאמע, ווען וועט בא מיר זיין אזא יאנטעוו?
— ווען דו וועסט ווערן זעקס יאר.
— ווען וועל איך ווערן זעקס יאר?
— אין זיבן וואכן ארום.
—זיבן וואכן איז לאנג?
— ניין.
— וויפל נעכט דארף איך אפשלאפן?
— פופציק נעכט.
— פופציק נעכט איז מער ווי צען נעכט?

— יאָ.

— וויל איך נישט, איך וויל שוין ווערן זעקס יאָר.

— מען קען נישט ווערן שוין.

— פאַרוואָס איז יאַנקעלע געוואָרן שוין זעקס יאָר?

— יאַנקעלע איז פריער געבוירן געוואָרן.

— וועל איך אויך פריער געבוירן ווערן.

די מאַמע האָט געלאַכט און זי האָט איצאַקלען צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך אויפפירן גוט, וועט ער שנעלער ווערן זעקס יאָר אַלט.

איצאַקל האָט צוגעזאָגט אויפצופירן זיך גוט. אָבער ווען די מאַמע האָט אים געגעבן זופ, האָט ער גענומען בלויז אַ פּאָר לעפל און אַוועקגערוקט דעם טעלער.

— איך וויל שוין מער נישט, איך בין שוין נישט הונגעריק.

— אַז דו וועסט נישט עסן, וועסטו דאַרפן וואַרטן לאַנג ביז דו וועסט אַלט ווערן זעקס יאָר.

איצאַקלס שוועסטער, די קליינע ברײַנדעלע, וואָס איז געזעסן בײַם טיש, האָט זיך גיך צוגערוקט צו דער מאַמען און אַ זאָג געטון:

— גיב מיר, מאַמע, איך וועל עסן, וועל איך אַלט ווערן זעקס יאָר און ער — גאָרנישט...

איצאַקל האָט זיך דערשראָקן און ווידער גענומען דעם לעפל אין האַנט.

אַז דער טאָג איז געקומען, איז איצאַקל אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן גלײַך צום שפּיגל:

— וואָס איז, איצאַקל? — פרעגט אים די מאַמע אַ פאַר־וואונדערטע.

— איך וויל זען, צי איך בין שוין געוואָרן גרעסער.

— אַוודאי ביסטו שוין געוואָרן גרעסער, זעסט נישט, ביסט דאָך צוגעוואַקסן אַ שטיק!

די מאַמע טוט איצאַקלען אַ נעם אָן די הענט און לאָזט אים באַלד אַראָפּ.

— ווי שווער דו ביסט געווארן! איך האב שוין נישט קיין קויעך דיך אויפצוהויבן.

איצכאקל האט זיך שנעל אנגעטון און ארויס אפן גאס מיט א פרייד:

— קוקט מיך נאר אן, קינדערלעך. ווי גרויס און ווי שווער איך בין געווארן! איך בין שוין זעקס יאר אלט.

— לאמיר זיך אפמעסטן — זאגט כאנעלע.

ביידע שטעלן זיך אוועק אקסל צו אקסל. אבער איצכאק איז אסאך גרעסער.

— אזוי — זאגט באנעלע — ווען איך בין אלט געווען זעקס יאר. בין איך אויך געווען גרויס.

— און וויפל ביסטו איצט אלט? — פרעגט איר איצכאקל.

— איצט בין איך אלט דריי יאר...

אין אונט איז בא איצכאקלען אין שטוב געווען א יאנטעוו. עס זיינען געקומען פעטערס און מומעס, עס זיינען געווען אויך קינדערלעך און מען האט געטרונקען וויין, געגעסן לעקעך מיט מארם און איצכאקל האט זיך שטארק געפרייט.

זיין שוועסטערל ברײַנדעלע איז געווען בייז:

— ער ווערט זעקס יאר און איך — גארנישט...

— דו וועסט אויך אלט ווערן זעקס יאר — זאגט איר די מאמע.

— איך וויל שוין.

און די מאמע זאגט איר צו, אז זי וועט זיין א גוטע, וועט זי אויך ווערן ניך זעקס יאר און מען וועט איר מאכן אזא יאנטעוו ווי איצכאקלען.

ווען די געסט זיינען אוועקגעגאנגען, האט איצכאק פלוצים א פרעג געטון דער מאמען:

— און אז איך וועל קומען מארגן אין שולע אריין, וועט מיך די לערערקע דערקענען?

— פארוואס זאל זי דיך נישט דערקענען?

— איך בין נעכטן אוועקגעגאנגען פון שולע א קליינער און וועל צוריקקומען מארגן א גרויסער...

די מאמע האט געלאכט און אים צוגעזאגט מיטצוגעבן אין שולע אריין א קוויטעלע מיט זיין נאמען און פאמיליע, קעדיי די לערערקע זאל וויסן, אז דאס איז דערזעלבער איצכאק, נאר אביסל א גרעסערער...

א גאסט אף א וייל און פרייד אף א מייל

נאך אסאך פינצטערע און רעגנדיקע טעג, מיט ווינטן און קעלטן, האט איינמאל דער הארבסט זיך צעשפארט און געכאפט א דרעמל. האט זיך וועגן דעם דערוואוסט דער זומער און ער האט זיך שטיל, אף די שפיץ פינגער, אריינגעכאפט אין שטאט אריין.

די קינדער זיינען פונקט געגאנגען פון שולע און ווען זיי האבן דערזען דעם גאסט, האבן זיי אנגעהויבן טאנצן און שפרינגען פאר פרייד:

— בארעכאבע! א גאסט! זעט נאר ווער ס'איז געקומען!

דער זומער האט זיך געשארט פארזיכטיק בא די ווענט און געציטערט אביסל פון קעלט און אביסל פון שרעק. אבער, ווען ער האט דערזען די שיינענדיקע פענימער פון זיינע קליינע פריינט, האט ער א שמייכל געטאן, צוגעלייגט א פינגער צום מויל און געזאגט:

— שששש! דער באנדיט קאן זיך נאך אויפכאפן...

— פעטער זומער — האט אים איין יינגעלע געפרעגט — ביסט געקומען אף לאנג?

— ניין, איך בין געקומען בלויז אף א טאג-צוויי, זען וואס איר מאכט. איך בענק דאך אזוי נאך אייך!

— און מיר נאך דיר בענקען אויך — האבן די קינדער געזאגט

— שוין דריי וואָכן, אַז מיר ליגן פֿאַרשפּאַרט אין די שטובן, ווייל עס האַלט אין איין רעגענען.

— אַסאַך קינדער זיינען קראַנק געוואָרן פֿון די רעגנס און ליגן אין בעט.

— אַזוי!

דער זומער האָט געדרייט מיטן קאָפּ פֿאַר פֿאַרדרוס.

— אַזאַ באַנדיט, אָט דער האַרבסט, נעמט און מאַכט נאָר אַ רעגן. מען דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פֿון אַ גזלן...

דער זומער האָט אַ גלעט געטאָן די קינדער און זיי געהייסן אַהיימגיין עפּעס איבערכאַפּן און מאַכן די לעקציעס. אָבער, די קינדער האָבן אים נישט געפֿאָלגט. זיי זיינען אַריין אין שטוב, אַוועקגעוואָרפֿן די ביכלעך מיט די העפֿטן און גלייך אַרויס אויפֿן גאַס.

— שוין — האָט זיי דער זומער געפֿרעגט — אַזוי גיך האָט איר אָפּגעגעסן?

— וואָס מיר עסן! ווען מיר עסן! — האָבן די קינדער אים געענטפֿערט — אַז דו ביסט דאָ, זיינען מיר זאַט אומגעגעסן.

— און די לעקציעס?

די קינדער האָבן געלאַכט:

— ווער האָט איצט אינזינען לעקציעס! אַז מיר האָבן אַזאַ נאַסט אין שטאָט, ווילן מיר אַביסל פֿאַרברענגען מיט אים.

די קינדער זיינען אַרומגעלאָפֿן, געטאַנצט און געשפּרונגען פֿון פֿרייד און דער זומער האָט נאָר אַנגעקוואָלן פֿון זיי. ער האָט אויסגעבלויט די הימלען, אַרויסגענומען די זון און מיט איין גלעט האָט ער אויפֿגעפֿרישט די ביימער און די גראָזן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שמעקן מיט פֿרילינג.

די קינדער האָבן געשטיפֿט און די זון האָט געשמייכלט, געלאַכט, און ווען זי איז אַוועק, זיינען זיי נאָך לאַנג געבליבן אויפֿן גאַס און גאָרנישט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב.

אין מאָרגן, ווען די קינדער האָבן געדאַרפֿט גיין אין שולע,

האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז זיי האָבן נאָך נישט געמאַכט די לעקציעס און געבליבן שטיין אומבאַהאָלפענע.

— וואָס וועט זיין? די לערערקע וועט זיך בייזערן.

— זי וועט אונז נישט געבן קיין האַפּטאָקע.

קיינעם איז נישט איינגעפאַלן קיין שום זאַך, נאָר איינער א שטיפער, יאָסעלע, האָט קלוג א שמייכל געטאָן.

— טוט דאָס זעלבע וואָס איך. בעט אייערע טאַטעס, אייערע מאַמעס, אייערע ברידער, אַז זיי זאָלן אייך גיך א מאַך טאָן די לעקציעס, זיי קענען.

די קינדער האָבן זיך אַביסל געקווענקלט, אָבער צום סוף האָבן זיי אַזוי געטאָן.

אין דעם טאָג האָט די לערערקע די קינדער שטאַרק געלויבט.

— די רעכענונג שטימט.

— און די קאָמפּאָזיציע?

— אויסגעצייכנט.

— מיין מאַפּע?

— גאָר פיין.

דער הארבסט האָט זיך אָפּאָנים פיין אָנגעהאָרעוועט און איז געשלאָפן געשמאַק און דער זומער האָט זיך דערווייל שפּאַצירט אין די גאַסן אַף די שפּיץ פינגער און אריינגעוואָרפן א בליק אין אַלע פענצטער [illegible]ן טירן, געוואָלט זען וואָס ד ע ר טוט און וואָס י ע נ ע ר טוט.

ווען די קינדער זיינען אַהיימגעגאַנגען און געזען, אַז דער זומער איז נאָך דאָ, האָבן זיי באַלד זיך ווידער אַרויסגעלאָזט אפן גאַס און אָפּגעשטיפט מיטן גאַסט א גאַנצן אָונט און מאָרגן, ווידער געבעטן, אַז די טאַטעס, די מאַמעס זאָלן זיי מאַכן די לעקציעס.

אַזוי צוויי טעג, דריי טעג און פיר טעג. ביז די לערערקע האָט דערקענט, אַז די קינדער מאַכן נישט אַליין די לעקציעס און אויפגעשריבן אַף אַלע העפטן: שלעכט, זייער שלעכט.

אַז די קינדער זיינען אַהיימגעקומען, זיינען זיי געווען בייז.

— זעסט, מאמע, דיין קאמפאזיציע טויג נישט.

— מאמע, דיין רעכענונג שטימט נישט.

דערהערט אזא זאך, זיינען די טאטעס און די מאמעס אוועק אין שולע מיט א טײנע:

— פארוואס טויג נישט די רעכענונג?

— פארוואס געפעלט אייך נישט די קאמפאזיציע?

די לערערקע האט געשמייכלט.

— ווייל זי געפעלט מיר נישט.

— וואס הייסט! איך האב זי דאך געמאכט...

— אזוי! — זאגט די לערערקע — אט דערפאר טויג זי טאקע נישט. זאגט מיר נאר, איר שיינע טאטעס און מאמעס, פארוואס שיקט איר די קינדער אין שולע?

— זיי זאלן קענען לייענען און שרייבן.

— און אז איר וועט מאכן פאר זיי די לעקציעס, איז ווער וועט קענען שרייבן און לייענען, איר, צי זיי?

די טאטעס און די מאמעס האבן זיך פארשעמט.

— עס זיינען געווען שיינע טעג — האבן זיי זיך פארענטפערט

— די קינדערלעך האבן זיך פארשפילט...

די לערערקע האט געלאכט.

— איז וועמען האט איר אפגענארט, מיך צי אייך?

די לערערקע האט געבעטן די טאטעס און די מאמעס זיצן און זי האט אנגעהויבן צו זיי רידן און געבן צו פארשטיין ווי שלעכט זיי טוען, ווען זיי העלפן די קינדער מאכן די לעקציע און זיי געבעטן:

— געדענקט, ליבע עלטערן, ווען איר מאכט פאר אייערע קינדער די לעקציעס, טוט איר שלעכט, זייער שלעכט.

ווען די קינדער זיינען דעם טאג אהיימגעגאנגען פון שולע, איז שוין דער ליכטיקער זומער נישט געווען אין דער טונקעלער הארבסט האט א כמורנער, א פינצטערער זיי אונטערגעטריבן:

— גיכער! גייט, פוילאקעס, איר מיינט עס איז נעכטן, אייער־נעכטן!...

א יינגעלע, בערעלע, שפילט זיך שפעט באנאכט אפן גאס און וויל נישט גיין שלאפן. קומט ארויס די מאמע און הויבט אן שרייען:

— בערעלע! בערעלע!

דאס יינגעלע ווייסט, צו וואס די מאמע רופט אים און ער לויפט אוועק אפן ראג און באהאלט זיך דארט אין א פארהויז.

די מאמע רופט און רופט און זעט, אז איר יינגעלע קומט נישט. הויבט זי אן שרייען העכער:

—בערעלע! וואו ביסטו?

די מאמע שרייט הויך און איר קאל הערט א בערעלע אין וואלד, וואס הויבט זיך אויף פון געלעגער.

— ווער איז? — פרעגט דאס בערעלע פון וואלד.

— איך — זאגט די מאמע.

—ווער איז דער איך?

— דיין מאמע.

-- ס'א ליגן! — שרייט דאס בערעלע. מיין מאמע שלאפט.

— קום, בערעלע, איך וועל דיר עפעס געבן.

— וואסטו מיר געבן?

— א טעפעלע האניק.

דאס בערעלע איז א נאשער און עס הויבט זיך אויף שטי-לערהייט און לויפט אין שטאט אריין.

אפן גאס זעען מענטשן א בערעלע לויפן, ווערן זיי דערשראקן.

— וואוהין לויפסטו, בערעלע?

— צו מיין מאמען.

— וואס איז?

— זי רופט מיך.

הערן די מענטשן, אז בערעלעס מאמע איז אויך דא, הויבן זיי אויף א געוואלד:

— הימ זיך! א בערעלע מיט א בערעכע זיינען דא אין שטאט.

די מענטשן יאגן נאך דאס בערעלע, וואס אנטלויפט און באהאלט זיך אין הויז, וואו דאס ייִנגעלע, בערעלע, געפינט זיך.

ווער ביסטו? — פרעגט דאס ייִנגעלע.

— א בערעלע.

— א בערעלע בין איך דאך!

— טאקע? דו ביסט אויך א בערעלע?

— יא.

— זיינען מיר דאך ברידער. און

בערעלע פון וואלד,
בערעלע פון שטאט,
טאנצן ביידע באלד
א רעדל און א ראד.

וואס ווייטער, איז געווען איז אויך שיין.

ווען דער בער האט זיך אויפגעכאפט און געזען, אז דאס בערעלע איז נישטא, האט ער אויך גענומען שרייען:

— בערעלע! וואו ביסטו?

דאס בערעלע האט נישט געהערט און אזוי האבן טאטע און מאמע קעסיידער געשריגן:

— בערעלע!

— בערעלע!

— וואו ביסטו?

— וואו ביסטו?

די מאַמע האָט געמיינט, אַז איר ענטפערט אַ ווידערקאָל פון וואַלד און דער בער האָט געמיינט, אַז אים ענטפערט אַ ווידערקאָל פון שטאָט.

אָבער דאָס איז נאָר
איין טייל פון דער געשיכטע.
איצט קומט
דאָס רעכטע און געריכטע.

אַז די מאַמע פון ייִנגעלע האָט געשריגן און געשריגן און קיין ענטפער נישט באַקומען, האָט זי זיך דערשראָקן און צונויפגערופן אַלע שכנים און זיי געזאָגט:

קרוינעלעך, האַרצעלעך,
ניכער געשווינד,
לאָמיר גיין זוכן
בערעלען, מיין קינד.

זיינען די מענטשן געווען גוטע און געגאַנגען גאַס־אויס און גאַס־איין, ביז זיי זיינען געקומען אין פעלד אַריין און פון דאָרטן זיינען זיי באַלד אַריין אין וואַלד.

וואָס עס איז אין וואַלד געווען, איז אויך גאַנץ שיין.

אַז דער טאַטע, דער בער, האָט געזען, אַז זיין קינד איז נישטאָ, האָט ער זיך דערשראָקן און אויפגעוועקט אַלע בערן פון וואַלד און זיי געזאָגט:

מייערינקע, גוטינקע
ניכער געשווינד,
קומט, לאָמיר זוכן
בערעלע, מיין קינד.

זיינען די בערן אויך נישט קיין שלעכטע און גייען, גייען און שרייען:

— בערעלע! בערעלע!

באַם ברעג וואַלד טרעפן זיך בערן און מענטשן און קוקן זיך איבער.

— וואוהין גייט איר, בערן?
— וואוהין גייט איר, מענטשן?
— מיר גייען אין וואַלד.
— מיר גייען אין שטאָט.
— נאָך וואָס גייט איר אין וואַלד?
— נאָך וואָס גייט איר אין שטאָט?
—מיר זוכן א בערעלע.
— א בערעלע זוכן מיר אויך.
— וואָסער בערעלע זוכט איר?
— וואָסער בערעלע זוכט **איר**?
— מיר זוכן א ייִנגעלע בערעלע.
— און מיר זוכן א בערעלע בערעלע.

די מענטשן מיט די בערן קוקן זיך איבער א ווײַלע און שווייגן און איינער טוט א זאָג:

— הערט זיך איין, בערן, איר האָט נישט אַמאָל צוגענומען אונזער בערעלע?

— ניין. וואָס פאַלט אייך איין, עפּשער האָט איר צוגענומען אונזער בערעלע?

—כאָלילע.

— אויב אַזוי, לאָמיר גיין זוכן אינאיינעם.

און בערן און מענטשן האָבן געזוכט און געזוכט, און געגאַנגען דורך פעלד, געגאַנגען דורך וואַלד און באַגינען ערשט געפונען ביידע בערעלעך אַרומגענומען און שלאָפן.

די בערן און די מענטשן האָבן געשפּרונגען און געטאַנצט און

עס איז געווען א שׂימחה,
מ'האָט פיל געלאַכט
און געהוליעט א טאָג
מיט א נאַכט.

דאָס פוילע מיידעלע

פאַראַן אַף קאַריענטעס א מיידעלע, ראָכעלע, איז זי א פוילע. אינדערפרי, גלוסט זיך איר נישט אויפצושטיין און באַנאַכט, גלוסט זיך איר נישט צו לייגן זיך שלאָפן.

אין שולע אַריין האָט ראָכעלע גאָרנישט קיין חשק צו גיין, און יעדן מאָרגן, ווען די מאַמע וועקט איר, בעט זי זיך:

— לאָמיך נאָך אַביסעלע שלאָפן.
— עס איז שוין שפּעט, אַכט אַזייגער.
— נאָך א קליין ביסעלע.
— וועסט פאַרשפּעטיגן אין שולע.
— וואָס אַרט דיך.

די מאמע ווערט בייז, שלעפט איר אראפ די קאלדרע און זאגט:

— אויב דו הייבסט זיך נישט אויף, רוף איך שוין אריין פיר וויזשילאנטן און הייס זיי אוועקטראגן דיך מיטן בעטעלע און שולע אריין. . . . .

ראבעלע הייבט זיך אויף און נעמט זיך גלאטן און פיל אנטאן, קוקנדיק בייז אפן זייגער.

— ער איז שולדיק — זאגט זי — גאר ער יאגט זיך...

שפעטער, אז די מאמע הייסט ראבעלען זיך גיין אפוואשן, איז זי ווידער פויל. זי גענעצט און זאגט:

— איך האב זיך נעכטן געוואשן.

— מען דארף זיך וואשן אלע טאג — זאגט איר די מאמע.

— גוט, וועל איך זיך מארגן וואשן צוויי מאל...

זעט די מאמע, אז ראבעלע איז פויל, נעמט זי איר אן פאר א הענטל און פירט איר צו דער וואש־שיסל און זאגט:

— אויב דו וואשסט זיך נישט אפ, שיק איך באלד נאך די פייערלעשער מיט די שפריצערס און זיי וועלן דיך אפוואשן...

אז עס איז געקומען די צייט צו גיין אין שולע אריין, האט ראבעלע זיך גענומען קווענקלען.

— מאמע, עס איז שוין שפעט. עפשער זאל איך שוין היינט נישט גיין אין שולע?

ווערט די מאמע בייז:

— דו פוילע! דו וועסט גיין היינט און מארגן און אלע טאג.

— איך קאן דאך נישט די לעקציעס?

— וועסטו שטיין אין ווינקל!

— דו קענסט דאך די לעקציעס. איז עפשער, מאמע, וואלסטו געגאנגען פאר מיר אין שולע?

ווערט שוין די מאמע אין כעס און נעמט די ביכער מיט די העפטן, שטופט זיי אריין ראבעלען אין האנט און שטעלט איר ארויס מיט זיי אונטערן טיר.

גייט ראָכעלע אין גאַס, טרעפט זי לייבעלען גיין מיט אַ קעסעלע און רידעלע אין האַנט.

— וואו גייסטו, לייבעלע?

— איך גיי אויף דער פּלאַזשע שפּילן זיך אין זאַמד.

קלערט ראָכעלע און זאָגט:

— לאָמיר זיך בייטן: איך וועל גיין פאַר דיר שפּילן אין זאַמד און דו וועסט גיין פאַר מיר אין שולע אַריין.

לאַכט לייבעלע און זאָגט:

— וואָס וועסטו מיר געבן דערפאַר?

קלערט ראָכעלע, קלערט און זאָגט:

— איך וועל דיר געבן אַלע מיינע שמאַטקעלעך.

— וויל איך נישט. אַ אינגעלע שפּילט זיך נישט מיט קיין שמאַטקעלעך.

— וועל איך דיר געבן צוויי גלעזערנע קייקעלעך.

— גוט.

הייסט ראָכעלע לייבעלען צוזאַמענבינדן אינדרויסן און זי לויפט אַריין אין שטוב נאָך די גלעזערנע קייקעלעך. דערזעט איר די מאַמע, פרעגט זי איר:

— וואָס ביסטו צוריקגעקומען?

דערציילט זי איר:

— איך וויל זיך בייטן מיט לייבעלען. איך וועל אים געבן מיינע גלעזערנע קייקעלעך, וועט ער גיין פאַר מיר אין שולע אַריין מיט די ביכער און העפטן און איך וועל גיין פאַר אים שפּילן זיך אויף דער פּלאַזשע מיט זיין רידעלע און קעסעלע.

די מאַמע האָט זיך צעלאַכט:

— אוי, ראָכעלע, ביסטו אַ נאַרעלע!...

און זי האָט איר אָנגענומען פאַרן הענטל און אַוועקגעפירט בענעזוואַלד אין שולע אַריין.

ווען קינדער וועלן גרויס ווערן

דוואָירעלעס מאַמע איז איינמאָל אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט פרי. האָט זיך די מאַמע דערשראָקן און געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט — האָט דער טאַטע געזאָגט און געלאַכט.

— ביסט עפּעס נישט געזונט?

— ניין.

— שטרייקסט?

— דערווײלע נאָך נישט.

— וואָס־זשע דען? — האָט די מאַמע געפרעגט שוין רואיקער.

— טרעף!

דוואָירעלעס מאַמע האָט געקלערט און געקלערט און באַלד זיך דערמאַנט:

— האָ! כ'האָב גאָר פאַרגעסן, מען האָט דאָך היינט גערוקט דעם זייגער.

דוואָירעלע האָט זיך אויך געוואונדערט, וואָס דער טאַטע איז אַהיימגעקומען פריער און ווען זי האָט געהערט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מען האָט גערוקט דעם זייגער, האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט.

— מאַמע — האָט זי געפרעגט — אַז מען רוקט דעם זייגער, קומט דער טאַטע אַהיים פריער?

— יאָ.

— קען מען דאָך אַלע טאָג רוקן דעם זייגער!

די מאַמע מיטן טאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט און געלאַכט און דוואָירעלע איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס צו אירע כאַווערימלעך מיט אַ סימכע:

— מײַן טאַטע איז הײַנט געקומען פרי. װײַל מען האָט גערוקט דעם זײגער.

— און מײַן טאַטע איז אױך געקומען פרי — האָט בערעלע געזאָגט.

— און מײַנער אױך — האָט יאַנקעלע צוגעגעבן.

— אַז מען רוקט די זײגערס, קומען די טאַטעס אַהײם פרי.

— מען דאַרף אַלע טאָג רוקן די זײגערס.

— איך װײס װי אַזױ מען רוקט אַ זײגער — זאָגט דװאָירעלע.

— איך אױך.

— און איך — זאָגט יאַנקעלע — װעל זאָגן מײַן מאַמען, װעט זי מיר װײַזן.

דעם אָװנט זײַנען די קינדער פֿון דער קװאַדרע געװען זײער פֿרײלעך.

. . . .

— איצט װײסן מיר שױן װאָס צו טאָן, אַז די טאַטעס זאָלן אַהײמקומען פרי — האָבן זײ געזאָגט.

אױף מאָרגן, װען דער זײגער איז געװען פיר, האָבן אַלע קינדער פֿון דער קװאַדרע אונטערגערוקט די זײגערס אױף אַ שעה און אַרױסגעלאָפֿן אױף דער סקינע װאַרטן אױף די טאַטעס.

— מײַן טאַטע — האָט געזאָגט דװאָירעלע — װעט באַלד קומען. איך האָב אונטערגערוקט דעם זײגער אױף אַ שעה.

— און מײַנער אױך — האָט געזאָגט בערעלע — איך האָב אונטערגערוקט דעם זײגער אױף צװײ שעה.

— און איך — האָט געזאָגט יאַנקעלע — האָב אַראָפּגערוקט בײדע װײזערס אונטן.

— אױב אַזױ, דאַרף דאָך שױן זײַן באַ דיר נאַכט!

— עס איז שױן נאַכט.

— פֿאַרװאָס־זשע איז נישט פֿינצטער? — האָט בערעלע געפֿרעגט.

יאַנקעלע האָט זיך פֿאַרקלערט און געזאָגט:

— ווייל... די נאכט ווייסט נישט. אז איך האב געדרוקט דעם זייגער.

— דארפסט דעם זייגער ארויסנעמען אפן גאס, ווען זי זען.

דוואוירעלע האט געלאכט.

— די נאכט קוקט נישט אף יאנקעלעס זייגער. זי האט אליין א זייגער...

די קינדערלעך זיינען דעם טאג געשטאנען לאנג אף דער סקינע און געווארט. אבער די טאטעס זיינען נישט געקומען.

— פארוואס קומען זיי נישט? — האט יאנקעלע געפרעגט.

— איך גיי פרעגן מיין טאטען.

— איך אויך.

דוואוירעלע איז אריינגעלאפן אין שטוב צו דער טאטען מיט א מיינע:

— דער טאטע קומט נישט...

— וואס ווילסטו, מיידעלע, עס איז נאך פרי.

— ניין, עס איז שוין נישט פרי. איך האב אונטערגעדרוקט דעם זייגער.

— אבער דער טאטע ווייסט דאך נישט...

ווען דער טאטע איז געקומען, האט אים דוואוירעלע געזאגט:

— פאפא, מארגן זאלסטו קומען פרי, איך וועל רוקן דעם זייגער.

דער טאטע האט געלאכט.

— יא, אבער אין פאבריק איז דאך דא אן אנדערער זייגער.

דוואוירעלע לויפט צו צום טיש, כאפט דעם זייגער און גיט אים דעם טאטן.

— נא! נעם מיט דעם זייגער צו דער ארבעט און קוק אף מיין זייגער און נישט אפן זייגער פון דער פאבריק.

— דער באלעבאס לאזט נישט, ער וויל מען זאל קוקן אף זיין זייגער — זאגט דער טאטע.

אין אזונט האבן שוין אלע קינדער פון דער קוואדרע געוואוסט, אז רוקן דעם זייגער פון שטוב העלפט גארנישט.

— מען דארף רוקן דעם זייגער פון פאבריק...

— די זייגערס אף די וואקזאלן, אף די טורעמס, אף די גאסן.

— מען דארף אונטערוקן אלע זייגערס פון דער גאנצער שטאט.

און די קינדער ריידן זיך אפ, אז ווען זיי וועלן ווערן אביסל גרעסער, וועלן זיי זיך ארויסלאזן איבער דער שטאט און ארומגיין איבער אלע גאסן, אין אלע שטובן, אין אלע פאבריקן און אומעטום רוקן פארויס די זייגערס, אז די טאטעס זאלן אהיימקומען פרי און נישט דארפן אזויפיל ארבעטן.

סע שטייט אים אנגעשריבן אפן שטערן

לייבעלע פירט זיך איוף אין שטוב שלעכט; פאלגט נישט דעם טאטן, פאלגט נישט דער מאמען, וויל נישט עסן צו דער צייט, שלאפן צו דער צייט. זאגט מען אים:

— די לערערקע וועט דיך שוין שטעלן מארגן אין ווינקל.

לאכט ער, לייבעלע:

— די לערערקע ווייסט דען?

— אוודע ווייסט זי — זאגט אים דער טאטע.

— זי איז דאך נישטא!

א לערערקע דארף נישט זיין, זי טוט א קוק אף א קינדס שטערן, ווייסט זי שוין.

— עס שטייט דען אויפגעשריבן?

—אוודע שטייט אויפגעשריבן.

גייט לייבעלע צו צום שפיגל, קוקט און קוקט אף זיין שטערן און זעט גארנישט.

— עס איז נישט עמעס. עס איז גארנישט אויפגעשריבן — זאגט ער.

— דו זעסט נישט. אז א יינגעלע פירט זיך אויף שלעכט, קומט

באנאכט א מענטש און שרייבט אים אן אף זיין שטערן אלץ, וואס ער האט געטון באטאג.

— מיט וואס שרייבט ער, מיט טינט?

— יא, אבער מיט אזא טינט, וואס נאר די לערערקע קען לייענען...

אף מארגן דערמאנט זיך לייבעלע, וואס דער טאטע האט אים געזאגט אין ער גייט צו צו דער וואש-שיסל און הויבט אן וואשן און רייבן דעם שטערן, אזוי לאנג, ביז ער ווערט רויט.

קומט לייבעלע אין שולע. זעט די לערערקע, אז ער האט עפעס א רויטן שטערן, פרעגט זי אים:

— פארוואס איז דיין שטערן אזוי רויט?

דערשרעקט זיך לייבעלע און הייבט אן ציטערן און פלאטערן:

— גארנישט... כ'האב אים געוואשן... געריבן — זאגט ער.

— פארוואס האסטו געוואשן און געריבן דעם שטערן און נישט דאס פאנים, די נאז?

לייבעלע שטאמלט:

— ווייל... ווייל...

— נאר דעם עמעס, לייבעלע...

מיינט לייבעלע, אז די לערערקע ווייסט אלץ, זאגט ער:

— איך האב זיך אויפגעפירט שלעכט און דער טאטע האט געזאגט, אז א מענטש שרייבט באנאכט אויף אפן שטערן...

די לערערקע האט אלץ פארשטאנען און געזאגט:

— אזוי איז, לייבעלע! אז א קינד פירט זיך אויף שלעכט, דערקענט באלד די לערערקע מארגן אפן פאנים.

פון דאמאלסט אן, האט שוין לייבעלע זיך אויפגעפירט גוט און די אנדערע קינדערלעך אויך. זיי האבן דאך שוין געזען, אז די לערערקע קען לייענען אלץ אפן שטערן.

אזא לאנד — א כארפע און א שאנד

א טאטע גייט אריין מיט זיין יינגעלע אין א קראם און זאגט, אז ער חיל קיפן א שפילכל פארן קינד. ווייזט מען אים פארשידענע זאכן: מען ווייזט אים א פערדל, א שווערדל, א באנדל, אן עראפלאנדל און נאך א כאך אנדערע שפילעכלעך. פרעגט דער טאטע זיין קינד:

— זאג, וואס געפעלט דיר בעסער?

קלערט דאס יינגעלע און זאגט:

— מיר געפעלט בעסער א באנדעלע.

נעמט דער טאטע דאס באנדעלע, באקוקט עס גוט פון אלע זייטן און לייגט עס אוועק.

— ניין — זאגט ער — דאס באנדעלע קויף איך נית.

— פארוואס? — פרעגט דאס יינגעלע.

— ווייל עס איז געמאכט געווארן אין דייטשלאנד.

— וואס זשע ארט דיר?

— איך בין מיט דייטשלאנד ברויגעז.

— פארוואס ביזטו מיט דייטשלאנד ברויגעז?

— ווייל אזא לאנד איז א כארפע און א שאנד.

— פארוואס איז אזא לאנד א כארפע און א שאנד?

— ווייל עס הערשן דארטן די היטלערס און די גוטע מענטשן זעצן זיי איין אין די טורמעס און די שלעכטע לאזן זיי ארומגיין אף דער פריי.

דערהערט ס׳יינגעלע אזא זאך, זאגט ער:

— קויף זשע מיר אן עראפלאנדעלע.

הייסט זיך דער טאטע געבן אן עראפלאנדעלע, טוט אף דעם א קוק און גיט עס באלד אפ צוריק.

— פעטער! — זאגט ער — איר האט נישט קיין שפילעכלעך

וואָס ווערן נישט געמאַכט אין דייטשלאַנד?

— ניין.

— אויב אַזוי, האָט זשע מיר אַ גוטן.

דער טאַטע מיטן קינד גייען אַוועק און עס קומט באַלד אַריין אַן אַנדער מענטש.

— איר האָט בלייפעדערס?

— סי סעניאָר.

— לאָמיר זיי נאָר אָנקוקן.

דער קרעמער ווייזט דעם מענטש אַ קעסטל בלייפעדערס און ווי נאָר יענער גיט אַ קוק אויף זיי, שאַרט ער זיי באַלד אַוועק.



— די בלייפעדערס קויף איך נישט.

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי ווערן געמאַכט אין דייטשלאַנד.

— קיין אַנדערע האָב איך נישט.

— דאַרף מען נישט.

דער מענטש גייט אויך אַוועק און באַלד קומט אַריין אַ פרוי:

— גיט מיר אַ שניצער.

דער קרעמער דערלאַנגט איר אַ שניצער. זי באַטראַכט אים און גיט אים אָפּ צוריק.

— קיין דייטשע שניצערס קויף איך נישט.

— איך האָב נישט קיין אַנדערע.

— דארף מען נישט.

פארנאכט, קומט דעם קרעמערס פרוי און וויל א פעזע אף וועטשערע, ווייזט איר דער מאן א ליידיקן שופלאד.

— וואס איז?

— איך האב גארנישט געלייזט, מען קויפט נישט קיין דייטשישע סכוירע.

דערהערט די פרוי אזא געשיכטע, זאגט זי:

— וואס זשע שטייסטו ווי א לעקיש, פאק איין די סכוירע און שיק זי אפ צוריק.

אז דער דייטשער פאבריקאנט האט באקומען צוריקגעשיקט דעם ערשטן קאסטן סכוירע, האט ער געשוויגן. אבער, אז ער האט אנגעהויבן צו באקומען צוריקגעשיקט צענדליקער און הונדערטער קאסטנס סכוירעס, האט ער זיך דערשראקן און ער איז אוועקגע־לאפן צו זיינע כאווירים פאבריקאנטן.

— ווי געפעלט אייך א מייסע, מען שיקט דאך מיר צוריק דאס שפילצייג פון ארגענטינע.

— און מיר שיקט מען צוריק די בלייפעדערס מיט די שניצערס פון פוילן און פון פראנקרייך.

— און איך האב היינט געקריגן צוריקגעשיקט הונדערט קאסטנס קיך־געשיר פון צאפן אמעריקע און פון ענגלאנד.

— וואס איז די סיבע?

— זייט עס הערשן בא אונז די היטלערס, איז די גאנצע וועלט אף אונז בייז.

— מען זאגט, אז אזא לאנד איז א כארפע און א שאנד; אלע גוטע מענטשן זיצן דא אין די טורמעס און אלע שלעכטע מענטשן גייען אום אף דער פריי.

— וואס זשע טוט מען?

— מען דארף גיין צו די היטלערס און זיי דערציילן.

די פאבריקאנטן נעמען זיך צונויף, גייען אוועק צו די היטלערס און זאגן זיי:

— איר האט געזאגט, אז אונז וועט בא אייך זיין בעסער, מיר וועלן שארן געלד אין די פעסער, צום סאף, וויל קיינער אין אויס־לאנד נישט קויפן אונזער סכוירע.

קלערן די היטלערס און זאגן:

— עס וועט שוין זיין גוט.

— וואס וועט איר טון?

— בישט אייער דיינע, איר וועט שוין זען.

אז די פאבריקאנטן זיינען אוועק, האבן די היטלערס אריינגע־רופן צען גענעראלן, זיי אנגעטון אין פאשעטע הויזן, זיי אנגעשאטן פולע קעשענעס געלט און זיי געזאגט:

— פארט קיין ארגענטינע, קיין צאפן אמעריקע, קיין אפריקע און גיט מענטשן געלט, אז זיי זאלן אומגיין מיט אייך אין די גאסן און שרייען, אז אלץ וואס מען זאגט וועגן דייטשלאנד איז נישט עמעס.

גייט א וועק א כוידעש, צוויי, דריי — קומען די גענערעלער צוריק מיט אראפגעלאזטע קעפ און רויטע צופלאמטע באקן.

— וואס איז געשען?

— מען האט זיך אויסגעלאכט פון אונז.

— און די באקן וואס זיינען בא אייך אזוי רויט?

— מען האט זיי אויסגעפאטשט.

— פארוואס?

— מיר האָבן געטראָפן מענטשן, וועלכע קומען פון דייטשלאנד, און זיי האָבן אונז דערקענט...

— שלעכט -- זאָגן די היטלערס — וואָס־זשע טוט מען איצט?

— די בעסטע אייצע וואָלט געווען, אַז מ'ר זאָלן מאַכן, אַז אומעטום זאָלן הערשן די היטלערס.

— מען דאַרף אין יעדן לאַנד דינגען מענטשן, אַז זיי זאָלן שרייען, אַז די היטלערס טוען גוט און זיי ווילן אויך אַזעלכע הערשער...

אַז די פאַבריקאַנטן האָבן דערהערט, אַז די געגערעלער זיינען צוריקגעקומען מיט אויסגעפּאַטשטע פּיסקעס, האָבן זיי פאַרמאַכט די פאַבריקן און געזאָגט די אַרבעטער:

— גייט אייך וואו איר ווילט, מיר האָבן נישט פאַר וועמען צו אַרבעטן.

דערהערן די אַרבעטער אַזאַ זאַך, דערשרעקן זיי זיך.

— וואָס זיינען מיר שולדיק!

— מען דאַרף ריידן מיט די מענטשן פון די אַנדערע לענדער.

און זיי שיקן אַרויס שעלוכים, וואָס קומען און זאָגן:

— כאַווײרים! איר טוט שלעכט, וואָס איר קויפט נישט קיין סכוירע פון דייטשלאַנד. וואָס זיינען מיר שולדיק?

— איר זיינט יאָ שולדיק. אַזאַ לאַנד איז אַ כאַרפּע און אַ שאַנד — זאָגט מען זיי.

— אָבער וואָס איז אייער דייגע? איר ליידט פון די היטלערס, צי מיר?

— אַז מען וועט די היטלערס נישט אַראָפּוואַרפן, וועלן זיי בא אונז אויך מאַכן זייערע הערשער.

— אָבער די היטלערס מאַכן דאָך נישט קיין שפּילצייג, קיין קיך־געשיר און קיין בלייפעדערס?

— יאָ. אָבער פון יעדן דייטשישן בלייפעדער, וואָס מיר קויפן פאַר צען סענט האָבן די היטלערס צוויי צי דריי סענט...

— אָבער וואָס קענען מיר טון? מיר האָבן פאַר זיי מוירע.

— ווער איז מער, איר צי די היטלערס?

— זיי האָבן הארמאטן, זיי האָבן ביקסן.

— ווער מאַכט די הארמאטן מיט די ביקסן, זיי, צי איר?

— זיי האָבן סאָלדאטן.

— ווער זיינען די סאָלדאטן, נישט אייערע זין, אייערע ברידער, אייערע כאַוויירים?

די ארבעטער פאָרן אהיים און דערציילן וואָס מען האָט זיי געזאָגט.

— כאַוויירים! — שרייט אויס אן ארבעטער — די מענטשן זיינען גערעכט.

— קומט. לאָמיר פארטרייבן די היטלערס.

די ארבעטער לאָזן זיך צום הויז, וואו עס זיצן די הערשער און שרייען:

— מיר ווילן נישט קיין היטלערס!..

— אזא לאַנד איז אַ כאַרפּע און אַ שאַנד!..

— די גוטע אָף דער פריי און די שלעכטע אין טורמע אריין!..

די היטלערס דערהערן די געשרייען און לויפן ארויס אָפן באַלקאָן.

— וואָס ווילט איר, ארבעטער?

— מיר ווילן אייך פּאַטער ווערן.

— וואָס רעדט איר?

— דאָס וואָס איר הערט.

— מיר וועלן רופן סאָלדאַטן.

— רופט.

די היטלערס טוען אַ טרומייטער און באַלד הויבן אָן לויפן סאָל־דאַטן פון אַלע זייטן.

— וואָס באַפעלן די היטלערס? — פרעגן זיי.

— צעטרייבט די אַלע מענטשן! שיסט!

די סאָלדאַטן ציען אויס די ביקסן און ווילן טאַקע שיסן אַף אָן עמעס, לויפט אַרויס אַ פרוי און שרייט:

— פראַנץ! וועמען גייסטו שיסן, דיין מאַמען?

— און דו, בופלאַקס איינער! — שרייט אַן אַרבעטער — וועסט שיסן אַף דיין טאַטן?

— שיס נישט! פריץ, דאָ שטייט דיין שוועסטער.

— ברודער לודוויק! — שרייט אַן אַנדערער — דאָ שטייען דיינע כאַווײרים.

די סאָלדאַטן לאָזן אַראָפּ די ביקסן און לויפן צו צו זייערע און עס ווערט אַ פרייד, אַ סימכע און באַלד הויבן זיי אָן צו שרייען צוזאַמען מיט זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער:

— מאַרש פונדאַנען! היטלערס...

— אַזאַ לאַנד איז אַ כאַרפּע און אַ שאַנד.

— די גוטע מענטשן אַף דער פריי און די שלעכטע—אין טורמע:

אַז די היטלערס האָבן געזען, אַז זיי האָבן שוין אַ פייג, נישט קיין סאָלדאַטן, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן.

מענדל קענדל פליגנכאַפּער

פאַראַן אַ ייִנגעלע מענדעלע; האָט ער נישט וואָס צו טאָן, גייט ער אַרום, כאַפּט פליגן, רייסט זיי אָפּ די פליגל און לאָזט זיי אַפּ אַף דרערד. זעט עס די מאַמע, שרייט זי אָן אַף אים:

— מענדל! די אַרבעט דייַנע געפעלט מיר נישט.

— פאַרוואָס?

— פליגן זייַנען לעבעדיקע באַשעפענישן, זיי טוט אויך וויי.

לאַכט מענדעלע און גלויבט נישט.

— אויב עס טוט זיי וויי, פאַרוואָס שרייַען זיי נישט?

— זיי האָבן נישט קיין קויעך צו שרייַען, זיי עסן נישט אַזוי פיל ווי דו.

אָבער מענדל הערט נישט דער מאַמען און כאַפּט ווייַטער פליגן, לייגט זיי אַרייַן אין אַ בלעכן פושקעלע און האַלט זיי דאָרטן אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערן טויט.

איינמאָל האָט עס דערזען דער טאַטע, האָט ער אַף אים גוט אָנגעשריגן:

— געדענק, מענדל קענדל פליגנכאַפּער — האָט ער געזאָגט — אַז יעדע פליג האָט צען טויזנט ברידער און צען טויזנט שוועסטער...

— טאַקע?

— און אַכוץ זיי, האָט יעדע פליג נאָך צען טויזנט פעטערס און צען טויזנט מומעס. און אַז זיי וועלן זיך דערוויסן, וועט זייַן שלעכט.

מענדל האָט אַביסל מוירע געקריגן. אָבער שפּעטער האָט ער זיך פאַרגעסן און ווען ער האָט דערזען אַ פליג אַף דער וואַנט, האָט ער אַ פּאַטש געטון מיטן הענטל.

מענדל האָט טאַקע געקריגן אַ שטאַרקן זעץ און עס האָט אים וויי געטון, אָבער ער איז געווען צופרידן.

— אַבי איך האָב זי דערהאַרגעט! — האָט ער געזאָגט.

באַנאַכט, מענדל שלאָפט, קומען טויזנטער מאָסקיטן און שטעלן זיך בא מענדלען אף דער נאָז, אפן שטערן, אף די הענט, אף די פים און בייסן. מענדל שרייט:

— גייט אַוועק פונדאַנען!

— ווילן מיר נישט — זאָגן זיי.

— ווער זיינט איר?

— דער פליגס פעטערס און מומעס.

— איך וועל צורופן מיין טאַטן, מיין מאַמען.

— מיר האָבן פאַר זיי קיין מורע נישט. מיר וועלן זיי אויך בייסן.

— וועלן זיי רופן אַ ווזשילאַגט.

— וועלן מיר דעם ווזשילאַנט אויך בייסן. מיר האָבן נישט מורע פאַר קיינעם. מיר קענען בייסן אַפילע דעם פרעזידענט פון דער רעפובליק אויך.

זעט מענדל, אַז מען לאָזט אים נישט שלאָפן, הויבט ער זיך אויף און גייט אַרויס אפן גאַס. און דאָרט באַגעגנט ער אַ מאַכנע פון קאָלערליי פליגן: פליגן רויטע און פליגן בלאָע; פליגן געלע און פליגן גרינע. אַלע טוען זיי אים אַ רינגל אַרום און שטעלן זיך אף זיין נאָז, אף זיין פּאַניע, קריכן אים אין האַלז אַריין, אין די אַרבל.

— ווער זיינט איר? — שרייט ער.

— מיר זיינען דער פליגס ברידער און שוועסטער.

— וואָס ווילט איר?

— נעקאָמע נעמען! פאַרוואָס האָסטו דערהאַרגעט אונדזער ברודער?

— האָט ער נישט געקערט קומען צו מיר אין שטוב.

— פליגן מעגן קומען אומעטום.

— פאַרוואָס האָט זי זיך געשטעלט אף מיין נאָז?

— עס שטייט עפעס אויפגעשריבן אף דיין נאָז, אַז מען טאָר זיך נישט שטעלן אף איר?

— זי האָט מיך געגעבן.

—קיין שום פליג האָט נאָך קיינמאָל קיינעם קיין נאָז נישט אָפּגעביסן.

מענדל אַנטלויפט, אָבער די פליגן לויפן אים נאָך; ער טרייבט זיי און זיי ווילן נישט אַוועקגיין. הויבט ער אָן שרייען, כאַפּט ער זיך אויף און זעט, אַז ער ליגט אין בעט אַ צעביסענער פון די פליגן און קאָמאַרעס און ער באַשליסט מער קיין פליגן נישט כאַפּן.

בערעלע מיטן שערעלע

האָט בערעלע אַ שערעלע, אַ גילדן שערעלע. שפּילט ער זיך מיט דעם באַטאָג און שפּילט זיך מיט דעם באַנאַכט. שערט אין שערט און האַלט, נאָר אין איין שערן.

קריגט ער אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ ביכל, אַ שמאַטקע, אַ טאַחל, איז באַלד געשניטן. שרייט אַף אים די מאַמע, דער טאַטע, די ברידער, די שוועסטער און וואָרענען אים:

— בערעלע, מ'עט דיר צונעמען דאָס שערעלע.

האָט דאָך בערעלע מוירע, באַהאַלט ער זיך אין אַ ווינקל און שערט, שערט און קלערט:

— וואָס וועט זיין, טאָמער נעמט מען מיר טאַקע צו דאָס שערעלע?

פאַלט אים איין אַ געדאַנק, אַז ער וועט דאָס אַלע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין באַהאַלטן אַף אַן ערטעלע, וואו קיינער זאָל עס נישט קענען געפינען.

— אָבער וואו? — פרעגט זיך אַליין בערעלע — אונטערן בעטעלע טויג נישט. אין קליידערשראַנק וועט מען עס געפינען, אין קיך וועט מען עס זען.

בלייבט בא אים, אז עס איז נישטא קיין בעסער ארט ווי ארייג־לייגן עס צו זיך אין שיכעלע.

האט דאך אבער בערעלע א קעציש̇ן מוח. פארגעסט ער, שטייט אויף אינדערפרי און שטעקט אריין דאס פיסל אין שיכעלע אריין און מאכט באלד אזא גוואלד, אז אלע מענטשן לויפן זיך צונויף.

— וואס איז געשען? — פרעגט מען אים.

בערעלע שרייט, בערעלע מאכט געוואלדן:

— דאס פיסעלע!..

א גאנצן טאג האט שוין בערעלע א ביסל צונעהינקט, אבער אלץ דאס שערעלע פון האנט נישט ארויסגעלאזט און געהאלטן אין איין שערן און שניידן אלץ, וואס איז אים געקומען אין האנט אריין. דערפאר, אז עס איז געקומען באנאכט, האט שוין בערעלע נישט באהאלטן דאס שערעלע אין שיכעלע, נאר גאר אונטערן טישטעך.

אז בערעלע איז אינדערפרי אויפגעשטאנען, איז ער גלייך צוגע־לאפן צום טיש, א טאפ געטאן דעם טישטעך און געזען, אז דאס שערעלע איז נישטא. האט ער געמאכט א געוואלד:

— מיין שערעלע!

איז ווידער זיך צונויפגעלאפן די גאנצע שטוב מיט מענטשן און מען האט אנגעהויבן בערעלען אויספרעגן.

— וואס איז געשען?

— וואס שרייסטו?

— מיין שערעלע! — קלאגט בערעלע.

— וואו האסטו עס געלייגט?

— אונטערן טישטעך.

— אויב אזוי, האבן עס זיכער די מייז אויפגעגעסן.

— ניין — זאגט בערעלעס ברודער — דער טאטע האט פאר־געסן צו פארשליסן די טיר, איז עס ארויסגעלאפן.

— וואס דרייט איר אים א קאפ! דאס שערעלע האבן צוויי ווייזשילאנטן איינגעזעצט.

— אוודע איינגעזעצט. עס האט געכטן אין מיין ביכל אפּ־געשווירן א מענטש די אויערן מיט דער נאָז — זאָגט בערעלעס שוועסטער.

— אָבער, וואָס איז דאָס שערעלע, נעבעך, שולדיק, בערעלע האָט עס געהייסן און מען דאַרף אים איינזעצן.

הערט בערעלע, אַז מען־רעדט פון איינזעצן, דערשרעקט ער זיך. ער דערמאָנט זיך, אַז איינמאָל האָט זיך אים טאַקע געכאַלעמט, ווי די מענטשן פון די ביכלעך און בלעטער זיינען געקומען צו אים מיט אָפּגעשווירענע אויערן, נעזער, הענט און פיס און געוואָלט אים אויך אָפּשניידן די אויערן מיט דער נאָז.

— אָבער, זאָגט ער, איך שווין מער נישט שערן קיין מענטשן...

— ער וועט שוין זיין א גוטער, מען דאַרף זען, אַז מען זאָל אים נישט איינזעצן, — זאָגט די מאַמע.

— דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, אַז ער זאָל זאָגן, אַז עס איז נישט זיין שערעלע, נישט ער האָט עס געהייסן שערן און נישט ער האָט געוואוסט גאָר, אַז עס שערט.

— אוודע — האָט בערעלע געזאָגט — עס איז נישט מיין שערעלע, איך בין מיט דעם ברויגעז.

פון דעמאָלט אָן האָט בערעלע אויפגעהערט זיך צו שפּילן מיטן שערעלע און ווען ער האָט עס געזען, האָט ער געזאָגט:

שערעלע, שערעלע ברויגעז,
נישט פאַר מיר טויג עס.
שערעלע, שערעלע שער
זיי נישט מיין כאַווערל מער.

דער שטרייק פון די פייגל

א פויגל זיצט דריי טעג און דריי נעכט פארשפארט אין א שטייגל און כאפט זיך פון דארטן ארויס, פליט ער אן אפשטעל א קילאמעטער און צוויי און דריי — ביז ער קומט אין וואלד, צו זיינע שוועסטער און ברידער, און הויבט דארט אויף א געשריי:

— כאווירים, פייגל!...

די פייגל פליען ארום שטיפעריש אין וואלד, זינגען און שפרינגען; און ווען זיי דערהערן דאס קאל פון זייער באפרייטן כאווער, לויפן זיי זיך אלע צוזאמען מיט א פרייד און ווילן אים באגריסן, אבער דער באפרייטער פויגל לאזט זיי נישט ריידן.

— כאווירים פייגל — זאגט ער — איר זעט דארט די שטאט?

די פויגלען דרייען אויס פארכידעשט זייערע קעפלעך און זאגן:

— יא, מיר זעען...

— ווייסט איר וויפל טויזנטער ברידער און שוועסטער אונזערע זיצן דארט פארשפארט אין שטייגן?

די פייגל לאזן אראפ טרויעריק די קעפלעך.

— מיר ווייסן...

— מיין ארעם קינדעלע, נעבעך — זאגט וויינענדיק א מאמע.

— מיין קליין שוועסטערל — זיפצט א ברודער.

— מיין טאטע...

— מיין מאמע...

אין וואלד ווערט מיט אמאל שטיל און אומעטיק און עס ווערן אנטשוויגן אלע פייגל און כייעס און מען הערט נאר רוישן די ביימער, וועלכע שאקלען טרויעריק די קעפ.

דער באפרייטער פייגל קוקט אף זיינע קאלעגן און שרייט אויס

— כאווירים פייגל! מיר טארן מער נישט שוויגן. אלע ווי

איינער מוזן מיר קעמפן פאר דער פרייהייט פון אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע שמאכטן אין די, שטייגן!

— לאמיר דערקלערן א שטרייק דער שטאט.

— קיין איין פויגל וועט מארגן נישט צווירשערן.

אף מארגן איז די שטאט אויפגעשטאנען שפעטער ווי טאמיד און אלע קינדער זיינען געקומען שפעט אין שול.

— וואס איז געשען? — האט מען זיך געפרעגט.

— מיך וועקט אלע טאג אויף דאס צווירשעריי פון פייגל און היינט האט מען נישט געהערט קיין פייגל צווירשערן — האט געזאגט איין ייִנגעלע.

— אפילו דאס פייגעלע, וואס זיצט בא מיר אין שטייגעלע, איז אנטשוויגן געווארן און מען הערט נישט פון דעם קיין שארך.

— זאלן די פייגל אין סאמע פרילינג האבן אוועקגעפלויגן אין אנדערע לענדער?

דער טאג איז געווען א גרויער, אן אומעטיקער און אז די קינדער זיינען געקומען אף דער פלאסע, האבן זיי באמערקט, אז עס איז אויסגעשפרייט איבער איר א געוואלדיקע מארעשכוירע און אלע ביימער און בלומען שטייען מיט אראפגעלאזטע קעפ און שוויגן.

— וואס קומט דא פאר? — פרעגט א ייִנגעלע.

—נעכטן זיינען די ביימער געווען אזוי פריש און גרין און געהאלטן אין סאמע מיטן בליען און היינט, זעען זיי אויס אזוי אלט און נעל ווי אינמיטן הארבסט...

— ביימער, ביימער! וואס איז געשען? — האט געפרעגט א מיידעלע.

א הויכער בוים האט זיך א טרייסל געטון.

— מיר ווייסן נישט. די פייגל זיינען היינט נישט געקומען, איז אונדז אומעטיק און מיר וועלקן...

— אז מיר הערן נישט זייער געזאנג, קענען מיר נישט בליען און וואקסן — האט געזאגט א צווייטער בוים.

— זיי ברענגען אונדז דעם פרילינג, די פרייד, די זון...

אפֿן צווייטן טאָג איז די שטאָט געװען נאָך גרױער און אומעטיקער און די זון האָט זיך ערשט באַוויזן נאָך האַלבן טאָג. אַ קוק געטון אױף דער שטאָט, אױף די פּלאַסעס און באַלד אַװעקגעלייגט דעם קאָפּ און װידער טיף אַנטשלאָפֿן געװאָרן אין די װייכע קישנס.

— איר זעט — האָט געזאָגט איינער — אַז די פֿייגל זינגען נישט, איז דער זון אױך אומעטיק.

— היינט איז די זון אינגאַנצן פֿאַרשלאָפֿן...

— די פֿייגל װעקן דאָך אױף דעם טאָג, די זון, די בױמער...

זעקס אומעטיקע טעג האָבן די קינדער פֿאַרבראַכט אין שטאָט; טעג אָן זון, טעג אָן פֿרייד, אָן פֿרילינג און אָן שפּילערייען און אפֿן זיבעטן טאָג זיינען זיי אַװעק אין װאַלד פֿאַרהאַנדלען מיט די פֿייגל.

— װאָס װילט איר? — האָבן זיי געפֿרעגט.

— קודעם — האָבן די פֿייגל געזאָגט — װילן מיר פֿרייהייט פֿאַר אונזערע ברידער און שװעסטער, װאָס זיצן פֿאַרשפּאַרט באַ אייך אין די שטייגן.

— גוט. װאָס נאָך?

— קיין שום פֿייגל טאָר מער נישט פֿאַרלירן זיין פֿרייהייט איבער אַ קערנדל, צי אַ פּיצעלע ברויט...

— אָפּגעמאַכט.

— איר זאָלט מער נישט צעשטערן אונזערע נעסטן.

— מאַסקים.

אפֿן צווייטן טאָג האָבן צען טױזנט פֿייגל באַקומען צוריק זייער פֿרייהייט און זיי זיינען מיט פֿרייד אַרױס אױף דער פּלאַסע און אין זעלביקן טאָג האָט מען הונדערטער טױזנטער שטייגן פֿאַרברענט עפֿנטלעך מיט געזאַנג.

אױף מאָרגן האָט די זון געשיינט אַזױ געװאָרעמט װי נאָך קיינמאָל, און די בױמער און בלומען האָבן זיך צעבליט און צעגרינט און װען די פֿייגל האָבן זיך צעזונגען, האָבן אַסאַך גרױסע מוזיקער אַװעקגעלייגט זייערע אינסטרומענטן און געזאָגט:

— אַזױ זינגען פֿייגל, האָבן מיר נאָך קיינמאָל נישט געהערט!...

דער זומער האָט זיך אויסגעצויגן אָפּ זיין בעטל און געוואָלט כאַפּן א דרימל. דערהערט ער, אַז מען קלאַפּט אין טיר. שטעלט ער זיך אויף און פרעגט:

— ווער איז?

— זיים־זשע מויכל, סעניאָר זומער, ס׳איז איך, דער באַלע־באָס פון דער דירע.

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— איך בין אייך געקומען דערמאָנען, אַז עס האָט זיך געענ־דיקט אייער צייט און איר דאַרפט זיך היינט אַרויסקלייבן פון דער דירע.

דער זומער האָט די לעצטע צייט געאַרבעט א סאַך און איז געוועזן מיד, פויל און שלעפעריק. האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן.

— לאָזט מיך דאָ בלייבן נאָך א צוויי וואָכן.

— מען קען נישט.

— נאָך א וואָך?

— ניין.

— א טאָג?

— אוממעגלעך.

— וואָס וועט אייך אַרן?

— די דירע איז שוין פאַרדונגען.

דער באַלעבאָס גייט אַוועק און אין טיר באַווייזט זיך דער ווינטער. וועלכער בלייבט שטיין אָפּן שוועל א בייזער, א כמורנער

און ווי נאָר דער זומער האָט אים דערזען, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן פאַר קעלט און געכאַפּט אַף גיך זיינע זאַכן, זיי איינגעפּאַקט און איז ארויס אפן גאַס.

אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט, הערט דער זומער אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם פייף פון אַ שיף און ער הויבט זיך אָן איילן צום פּאָרט. אָבער באַלד פאַרשטעלט אים דעם וועג אַ קליין מיידעלע.

— וואוהין לויפסטו, פעטער זומער?

— איך לויף צום פּאָרט.

— דו פאָרסט אַוועק?

— יאָ.

הערט דאָס מיידעלע טרויעריק און זאָגט:

— פאַרוואָס אַזוי גיך?

— עס איז נישט גיך. איך בין שוין דאָ אָפּגעווען מיין צייט און באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אייראָפּע, אַז איך זאָל שוין קומען צו פאָרן. מען וואַרט דאָרט אַף מיר.

בעט זיך דאָס מיידעלע:

— זיי אַ גוטער, בלייב נאָך דאָ דעם זונטיק.

— וואָס עפּעס?

— מיין פּאָפּאַ האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב דעם זונטיק וועט נאָך זיין זומער, וועט ער ארויספאָרן מיט מיר שפּאַצירן.

דער זומער האָט שוין געוואָלט צוליב טון דאָס קינד, אָבער אין דער מינוט האָט אים אַ קילער ווינט אַ בלאָז געטאָן אין פּאָנעם און ער האָט געזאָגט:

— ניין, איך מוז אַוועקפאָרן, זיי געזונט.

דער זומער האָט דערהערט אַ צווייטן פייף פון אַ שיף און זיך ווידער גענומען איילן, אָבער באַלד האָט אים פאַרהאַלטן אַ קליין יינגעלע.

— פעטער זומער, מיר פאָרן מאָרגן שפּאַצירן מיטן לערער אין אַ פּאַרק, וועסט קומען?

— ניין, איך פאָר באַלד אָפּ קיין אייראָפּע.

ווערט דאָס ייִנגעלע אומעטיק און זאָגט:

— פאַר נאָך נישט אַוועק. איך בעט דיך. אַז דו פאָרסט אַוועק, לאָזט מען מיך נישט אַרויס אויפן גאַס און איך מוז בלייבן אַ גאַנצן אַוונט אין שטוב, וואו עס איז ענג, אומעטיק און קאַלט.

דער זומער האָט רחמנות אויפן ייִנגעלע, אָבער דער קאַלטער ווינטער גייט אים נאָך און טרייבט אים אין נאַקן:

— נו, גיכער, ריר זיך, וועסט פאַרשפּעטיקן די שיף.

געזעגנט זיך דער זומער מיטן ייִנגעלע און לאָזט זיך שנעלער גיין צום פאָרט. דערזעט אים אַ פרוי, שטעלט זי אים אָפּ.

— וואָס, דו אַנטלויפסט שוין?

— איך מוז...

— און אַז איך האָב נאָך נישט קיין געלט צו קויפן מיינע קינדערלעך קיין שיך, קיין מאַנטעלעך, קיין וואַרעם וועש, ווייסטו נישט מיסטאָמע.

— און אַז איך וויים, וואָס קען איך העלפן?

— ווען דו ווילסט, קענסטו העלפן. מען בלייבט דאָ נאָך אַ פּאָר וואָכן.

דער זומער איז געוואָרן גערירט, און שוין געוואָלט אומקערן זיך. אָבער דער ווינט האָט אים געהאַלטן אין איין טרייבן און ער האָט זיך געזעגנט מיט דער פרוי און איז אַוועק.

אַ פּאָר קוואַדראַטן נעבן פאָרט האָבן דעם זומער אָנגעיאָגט אַ מאַכנע קינדער.

— פעטער זומער, פאָרסט קיין איראָפּע?

— יאָ.

— אין פּוילן וועסטו זיין?

— געוויס.

— און אין ליטע?

— אויך.

— איך האָב אין פּוילן אַ באָבע מיט אַ זיידע.

— גוט, איך וועל זיי לאָזן גריסן.

— און איך האָב אין ליטע אַ קוזין מיט אַ קוזינקע.
— איך וועל זיך מיט זיי אויך זען.
די שיף פייפט און דער זומער וויל זיך אַרויסרייסן און אַנט־לויפן, אָבער די קינדער האַלטן אים צו.
— בלומען פאַר מיין זיידן וועסטו מיטנעמען?
— אָבער גיכער, קינדערלעך, די שיף גייט אַוועק.
— פאַר זומער, ווען קומסטו צוריק?
— אין אַכט, ניין מאָנאַטן אַרום.
— נישט פריער?
— עפשער נאָך פריער.
— איך האָב צו דיר אַ בייטע.
— גיכער, זאָג.
— ווען דו וועסט צוריקקומען אַהער, נעם מיט מיין באָבען.
דער זומער וויל שוין גיין צום שיף, אָבער די קינדער האַלטן אים צו.
— וואַרט, מיר וועלן אָנשרייבן בריוולעך.
ווען דער זומער איז שוין געקומען צום פאָרט, איז שוין די שיף נישט געווען און אַזוי ווי ער האָט געדאַרפט וואַרטן אַ וואָך אָף אַ צווייטער שיף, איז ער צוריקגעקומען מיט זיין רענצל אין שטאָט אַריין.
אַז די קינדער האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך דערפרייט און אָנגעהויבן טאַנצן אין די גאַסן.
— זומער! זומער צוריקגעקומען!
זעט דער זומער, אַז די קינדער פרייען זיך אַזוי, זאָגט ער:
— איר פרייט זיך און טאַנצט און מיר גלוסט זיך וויינען.
— פאַרוואָס?
— וואו וועל איך איצט זיין? אין מיין דירע וואוינט שוין דער ווינטער.
הערן עס די קינדער, לויפן זיי אַוועק אין יענער דירע אין טרעפן דעם ווינטער אויספאַקן זיינע זאַכן.

— העי! — זאָגן זיי — פּעטער ווינטער, צעלייג זיך נאָך נישט אַזוי ברייט.

— וואָס איז?

— טרעט אָפּ א שטיקל פון דעם זומער, ער האָט פאַרשפּע-טיקט די שיף.

— עס וועט פאַר ביידע זיין ענג.

— עס שאַדט נישט, אין אונזערע דירעס איז נאָך ענגער.

— אָבער וואו וועט ער שלאָפן, דער זומער?

— מיט דיר אין איין בעטל.

דער ווינטער האָט זיך אָביסל געקווענקלט, אָבער איינרייס; זיך מיט די קינדער האָט ער נישט געוואָלט. האָט ער געזאָגט:

— נו, מיילע, איך טו עס נאָר אייך צוליב.

פון דעמאָלסט וואוינט דער ווינטער מיטן זומער אין איין צימער און זיי שלאָפן אין איין בעטל. עסן פון איין טעלער און ווען דער זומער נעמט דאָס רענצל און וויל גיין צום שיף, בעט זיך דער ווינטער:

— זיי נאָך דאָ אָביסל, לאָז מיך נישט אליין.

און דער זומער, וואָס איז זייער א גוטער, לייגט אַוועק דאָס רענצל און זאָגט:

— גוט, איך וועל דאָ זיין נאָך א פּאָר וואָכן, אָבער מער נישט, ווייל מען וואַרט אויף מיר אין איראָפּע.

פון דעם שאָלעם צווישן זומער און ווינטער, קוועלן נאָר אַזן די קינדער, וואָס רופן אָט די צייט —

הארבסט.



דאָס הינטעלע וואָס איז געוואָרן אַ קעצעלע

סערקע האָט אַ ווייס קעצעלע און בערקע האָט אַ שוואַרץ הינטעלע, שפּילן זיי זיך אַלע פיר אין גאַס. איינמאָל זאָגט סערקע:

— לאָמיר זיך בייטן; נאַ דיר מיין קעצעלע און גיב מיר דיין הינטעלע.

— גוט — זאָגט בערקע — בייטן, איז בייטן!

גיט סערקע אַוועק איר קעצעלע און נעמט דאָס הינטעלע און גייט מיט דעם אַהיים שלאָפן.

באַנאַכט, שפּרינגט דאָס הינטעלע אַרויס אָפן גאַס און אַנט־לויפט צוריק צו בערקען. און דאָס קעצעלע טוט אויך דאָס זעלבע און אַנטלויפט צוריק צו סערקען.

אינדערפרי, דאָס מיידעלע עפנט אויף די אויגן, טוט זי אַ קוק, אַז נעבן איר שטייט ווידער דאָס קעצעלע.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעגט זי.

דאָס קעצעלע שווייגט.

טוט זיך סערקע אָן, זוכט אַרום דאָס הינטעלע און זעט, אַז עס איז נישטאָ. נעמט זי דאָס קעצעלע אָפן האַנט און גייט אַריין מיט דעם צו בערקען.

— וואָס איז געשען? — פרעגט זי.

— כ'ווייס נישט — ענטפערט ער — איך שטיי אויף, זע איך, אַז נעבן מיר שטייט דאָס הינטעלע.

— איך אויך, איך עפן אויף די אויגן, זע איך, אַז עס איז דאָ דאָס קעצעלע.

— אָבער מיר האָבן זיך דאָך געביטן!...

— אַוודאי האָבן מיר זיך געביטן.

נעמט ווידער סערקע דאָס הינטעלע און גייט אַהיים.

באנאכט, געשעט ווידער דאס זעלבע: דאס הינטעלע אנטלויפט צוריק צו בערקען און דאס קעצעלע — צו סערקען.

אז דאס מיידעלע איז אויפגעשטאנען און ווידער געזען דאס קעצעלע, האט זי עס געכאפט און אריינגעלאפן מיט דעם צום אינגעלע.

— זע נאר! איך האב ווידער דאס קעצעלע...

— און איך האב ווידער דאס הינטעלע...

— אבער, מיר האבן זיך דאך געביטן אף אן עמעס!

— אוודע האבן מיר זיך געביטן אף אן עמעס.

— לאמיר פרובירן נאכאמאל זיך בייטן.

— גוט. לאמיר פרובירן.

אף מארגן, אז סערקע האט ווידער געטראפן נעבן זיך דאס קעצעלע, האט זי געפרעגט דער מאמען:

— וואס איז דאס, מאמע, איך בייט זיך און בייט זיך און האב אלץ א קעצעלע?

די מאמע האט געוואוסט וואס עס איז געשען און זי האט איר דערציילט. און מער וויל זיך שוין סערקע נישט בייטן.

— אז דאס קעצעלע האט מיך אזוי ליב — זאגט זי — האב איך דאס קעצעלע אויך ליב.

דעם שוסטערס ברויט

א שוסטער האט נישט קיין ארבעט און ער זיצט א טאג און צוויי בא זיין ווארשטאט און זעט, אז קיינער קומט נישט באשטעלן קיין שיך. נעמט ער די נאדל מיט דער דראטווע און גייט ארויס אין גאס זוכן באשעפטיקונג.

גייט ער, דער שוסטער, זעט ער א מענטש מיט צעריסענע שיך, שטעלט ער אים אפ.

-- עמעס, דו דארפסט א פאר שיך?

— יאָ. אָבער וואָס קומט אַרויס. איך האָב נישט קיין געלט. איך בין אַ שניידער און איך גיי אַרום זוכן אַרבעט און ווען איך געפין וועמען צו מאַכן אַן אַנצוג, וואָלט איך זיך געקענט בײַ דיר באַשטעלן שיך.

— אויב אַזוי — זאָגט דער שוסטער — לאָמיר גיין זוכן, עפּשער וועלן מיר געפינען.

גייען זיי ביידע, דער שוסטער מיטן שניידער, און זעען אַ מענטש מיט אַ צעריסענעם אַנצוג, שטעלן זיי אים אָפּ.

— דאַרפסט אַן אַנצוג?

— איר זעט דאָך. אָבער וואָס קומט אַרויס. איך האָב נישט קיין געלט. איך בין אַ סטאָליער און האָב נישט קיין אַרבעט און ווען איך געפין וועמען צו מאַכן אַ טיש, אַ בענקל, אַ שאַפע, וואָלט איך זיך געקאָנט מאַכן אַן אַנצוג.

— קום, לאָמיר זוכן.

גייען זיי אַלע דריי און טרעפן אַ מענטש זיצן פאַר זיין שטוב אויף אַ צעבראָכן בענקל בײַ אַ קאַסטן.

— ליבער מענטש — פרעגן זיי אים — דאַרפסט אַ טיש? אַ בענקל?

— יאָ, איך דאַרף, אָבער איך האָב נישט קיין געלט. איך בין אַ מוליער און ווען איך האָב וועמען צו מאַכן אַ הויז...

— קום, לאָמיר זוכן.

גייען זיי שוין אַלע פיר און קומען אַרויס אין פעלד. וואו זיי טרעפן אַ פויערל שניידן טוואַוע.

— פויערל — פרעגן זיי — דאַרפסט עפּשער אַ הויז.

— האָ! האָ! — זאָגט דאָס פויערל — איך דאַרף שוין איין מאָל. אָבער איך האָב נישט קיין געלט.

— דו שניידסט דאָך טוואַוע.

— יאָ. אָבער באַלד וועט קומען דער פּאַריץ און זי צונעמען.

— וואָס הייסט ער וועט נעמען!

— דאָס פעלד איז זיינס.

— וואָס הייסט זיינס, ווער האָט געאַקערט, געבראָנעוועט, געזייט?

— איך.

— אויב אזוי, נעמט ער נישט.

ווען דער פאַרעץ איז געקומען צו רייטן און געוואָלט פאַרנעמען די טוואָוע, האָט דער שוסטער געכאַפּט זיין נאָל, דער שניידער זיין שער, דער סטאָליער זיין הובעל, דער מוליער זיין קעלניע און זיי האָבן א געשריי געטון:

— טראָג זיך אָפּ!..

— עס איז מיין פעלד — האָט דער פאַרעץ געזאָגט א דערשראָקענער.

— האָסט אָף דעם געאַרבעט?

— האָסט געאַקערט? געבראָנעוועט? געזייט?

— ניין.

— זאָל דיר אָרויס די ציין.

— מאַרש.

אז דער פאַרעץ איז אַוועק, האָט דער פויער פאַרקויפט די טוואָוע און באַשטעלט באַם מוליער א הויז און דער מוליער האָט באַשטעלט באַם סטאָליער א טיש מיט בענקלעך און דער סטאָליער האָט באַשטעלט באַם שניידער אַן אנצוג און דער שניידער האָט באַשטעלט באַם שוסטער א פאָר שיך און דער שוסטער האָט געהאָט ברויט פאַר ווייב און קינד.

די גאַס פון די מױשעלעך און באַנעלעך

געװען אַ מאָל אין בוענאָס אײרעס אַ גאַס מיט אַ קװאַדרע, װאו אַלע ײנגעלעך האָבן געהײסן מױשעלע און אַלע מײדעלעך — באַנעלע. און אַז אַ מאַמע איז אַרױס געקומען פאַר אַ טיר און האָט אַ זאָג געטון: מױשעלע! נאַ דיר אַ שטיקעלע ברױט מיט פוטער, זײנען זיך צונױפגעלאָפן־צען, צו פופצן מױשעלעך און אַלע האָבן זײ אױסגעשטרעקט די הענטעלעך און געשריגן:

— מיאַ בױט מיט פיטאַ!... מיאַ!

און אַז אַ טאַטע איז אַרױסגעקומען אין אָװנט און אַ געשרײ געטון: באַנעלע! שלאָפן גײן, זײנען זיך אַלע־באַנעלעך צעלאָפן אין די װינקעלעך און געשריגן:

— איך װיל נאָך נישט שלאָפן!...

אױף דער דאָזיקער קװאַדרע, אַז עס געקומען אַ ײנגעלע אין געזאָגט, אַז ער הײסט יאַנקעלע, צי בערעלע, האָט מען געמאַכט פון אים דאָס גרעסטע געלעכטער. און אַז אַ מײדעלע האָט געזאָגט, אַז זי הײסט סאָרעלע, צי רײזעלע, האָט מען איר נישט געגלױבט.

צװישן יענע אַלע מױשעלעך אױף דער קװאַרדע איז געװען אײן מױשעלע, איז ער געװען זײער אַ שרעקעדיקער און זיך מורא געהאַט צו שטעלן פאָקן. האָט דאָקטער בראָקטער באַפױלן, מען זאָל אים כאַפּן און ברענגען מיט געװאַלט אין שפּיטאָל אַרײן. אָבער, אַזױ װי די העכטער האָבן נישט געװאוסט, װעלכן מױשעלע צו ברענגען, האָבן זײ געכאַפּט אַלע מױשעלעך פון דער קװאַדרע, זײ אַרײנגעפּאַקט אין אַן אױטאָמאָביל און זײ געבראַכט אין שפּיטאָל אַרײן.

אַ באַנעלע, װידער, איז געװען אױף יענער קװאַדרע, האָט זי נישט געלאָזט זיך שטעלן קײן באַנקעס און נישט געװאָלט נעמען

קיין ריצנאייל. האָט דאָקטער בראַקטער ווידער געשיקט זיינע מענטשן און געהייסן איר איינגעבן ריצנאייל מיט געוואַלט און שטעלן איר באַנקעס אויף קויעך. אָבער אַזוי ווי די מענטשן האָבן נישט געוואוסט וועלכע כאַנעלע איז קראַנק, האָבן זיי געכאַפּט אַלע כאַנעלעך פון דער קוואַדרע און זיי אַלע געשטעלט באַנקעס און איינגעגעבן ריצנאייל.

א שפּייזקראָם איז געווען אויף דער קוואַדרע. האָט דער קרעמער געהאַט פון די כאַנעלעך און מוישעלעך גרויסע צאָרעס. אַלע מאָל האָט מען אים אַריינגעוואָרפן א פּילקע און געטראָפן אין קאָפּ אַריין, אָדער גאָר אַריינגעלאָזט אין קראָם אַריין א בייזן הונט, צי א קאַץ, וואָס האָט געמאַכט אַש און ערד פון אַלץ און ווען ער איז אַרויס־געלאָפן אויפן גאַס מיט א געוואַלד, האָט יעדער מוישעלע געשריגן:

— איך נישט, אַן אַנדער מוישעלע...

און יעדע כאַנעלע האָט געזאָגט:

— איך נישט, אַן אַנדער כאַנעלע...

איינמאָל, האָט א מוישעלע אויסגעהאַקט אין קראָם א שויב, און אַזוי ווי אַלע מוישעלעך האָבן געשריגן: איך נישט! איז דער קרעמער אין קאַעס געוואָרן און בא אַלע אַראָפּגעכאַפּט די היטלען.

א בריוונטרעגער איז געווען, האָט ער מוירע געהאַט צו קומען אויף יענער קוואַדרע, ווייל די מוישעלעך און כאַנעלעך פלעגן אים שיר נישט צערייסן אויף שטיקער. דער דאָזיקער בריוונטרעגער האָט איינמאָל געהאַט א בריוו פאַר א כאַנעלע, זיינען אים אַלע כאַנעלעך באַפאַלן און יעדע האָט געשריגן:

— מיין בריוו!

— מיינע!

— מיר!...

. . . .

דער בריוונטרעגער איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן און געמאָלדן, אַז מער טראָגט ער נישט אָפּ קיין בריוו פאַר קיין כאַנעלעך, צי מוישעלעך.

צוויי יונגע ביימעלעך זיינען געווען אויף יענער קוואַדרע, איז

איינמאל אין א פרימארגן געבליבן בלויז שטעקנס פון זיי און ווען דער וויזשילאנט האט גענומען אויספרעגן: ווער? וואס? האט ער באקומען איין ענטפער:

— מוישעלע.

— כאנעלע.

כאפט ער איין מוישעלע, שרייט ער:

— וואס ווילסטו פון מיר! ס'זיינען פאראן נאך מוישעלעך.

כאפט ער איין כאנעלע, זאגט זי:

— איך בין עפעס איין כאנעלע אף דער קוואדרע!

דער וויזשילאנט האט זיך נישט געקענט קיין אייצע געבן און פארנומען אלע מוישעלעך און כאנעלעך אין קאמיסאריע. אבער מען האט זיי געמוזט אפלאזן, ווייל מען האט נישט געוואוסט, ווער עס האט א טעל געמאכט פון די בוימער.

אין א פאר טעג ארום, זיינען אלע לאמטערנעס פון דער גאס געווען צעבראכן און ווידער האבן אלע געזאגט: מוישעלע! כאנעלע!

דער קאמיסאר האט געזען, אז עס איז א מייסע אן אן עק, איז ער געקומען מיט א גרויסן וואגן און ארויפגעפאקט דארטן אלע מוישעלעך און כאנעלעך פון דער קוואדרע און מיט זיי אומגעפארן איבער אלע גאסן פון שטאט און אומעטום, אף יעדער גאס, וואו ער איז געקומען, האט ער אראפגעווארפן א מוישעלע מיט א כאנעלע...

געווען א מאל אין בוענאס איירעס א גאס מיט א קוואדרע, וואו אלע יינגעלעך האבן געהייסן מוישעלע און אלע מיידעלעך — כאנעלע. אבער היינט איז שוין מער אזא גאס נישטא, ווייל מען האט די מוישעלעך מיט די כאנעלעך צעווארפן, אזוי, אז יעדע גאס האט שוין נישט מער ווי איין מוישעלע און איין כאנעלע.

דער קייסער פון כינע, האָט איינמאָל נישט געקענט שלאָפן, האָט ער זיך אויפגעהויבן שטיל פון זיין געלעגער, זיך אַרויסגעגאַנ־וועט פון פּאַלאַץ און אַוועק שפּאַצירן איבער די גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט.

געווען איז שוין נאָך האַלבע נאַכט. די גאַסן זיינען געווען פּוסט און דער קייסער איז זיך אַזוי אַרומגעגאַנגען טריט בײַ טריט, אַריינגעאָטעמט די קילע און פרישע לופט און שטאַרק האַנאָע געהאַט.

— ווי גליקלעך עס זיינען מיינע אונטערטאַנען! — האָט ער געזאָגט — ווי רויק און געשמאַק זיי שלאָפן עס...

קומענדיק אין אַ שמאָל געסל האָט דער קייסער דערהערט אַ געוויין און געוואָרן אויפגעבראַכט.

— ווער וואַגט עס צו וויינען אין מיין קעניגרייך! — האָט ער אויסגעשריגן.

ווי נאָר דער קייסער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, איז באַלד אויסגעוואַקסן הינטער זיינע פּלייצעס דער ערשטער מיניס־טער, וועלכער האָט זיך טיף פאַרנויגט:

— ליכטיקער הערשער — האָט ער געזאָגט — דאָס וויינט אַ קינד...

דער קייסער איז גלייך אַוועק אין זיין פּאַלאַץ און אָנגעשריבן אַ דעקרעט. לויט וועלכן עס ווערט אין גאַנץ כינע פאַרבאָטן צו וויינען.

— לאָז די כינעזער וויינען — האָט ער געזאָגט — און זיי וועלן דיר פאַרטרינקען דאָס לאַנד אין טרערן.

אַז דער דעקרעט איז באַקאַנט געוואָרן אין לאַנד, זיינען טויזנטער מענטשן געקומען צום קייסערס פּאַלאַץ און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן:

— גרויסער הערשער! לאָז אונז וויינען, עס איז דאָך אונז אַזוי שווער אויפן האַרצן...

אָבער דער קייסער איז געווען האַרט און שטרענג, און ער האָט געזאָגט:

— ניין! דאָס קען שאַטן דעם גוטן נאָמען פון לאַנד. אַז אַ בירגער וויינט, באַשולדיקט מען דעם קייסער און מען זאָגט, אַז ער איז אַ שלעכטער, אַ טיראַן...

הונדערט טויזנט כינעזער, וועלכע האָבן נישט געקענט איינהאַלטן זייערע טרערן, האָבן אויף מאָרגן אויסגעוואַנדערט פון לאַנד און זיך באַזעצט אויף יענער זייט גרענעץ, וואו זיי האָבן געגרינדעט די רעפּובליק פון טרערן. און די איבעריקע בירגער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייער ליב לאַנד, האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און זיך געמוטשעט איינהאַלטן נישט צו לאָזן קיין טרער. און אַז אַ כינעזער איז געפאַלן און זיך צעהאַקט די נאָז, האָט ער געלאַכט. און אַז אַ כינעזערן האָט וויי געטון די ציין, איז זי געשפּרונגען פון פרייד...

אין אַ צייט אַרום, האָט דער קייסער ווידער נישט געקענט

שלאָפן און אַרוים אַפן גאַס. גייט ער אַזוי גאַס איין און גאַס אויס, ביז ער קומט אין אַ געסל, וואו ער דערהערט אַ גרויס געלעכטער. ווערט ער אויפגעבראַכט:

— ווער וואַגט עס אַזוי צו לאַכן אין מיין קעניגרייך!

שפרינגט ווידער אַרוים דער ערשטער מיניסטער און זאָגט:

— גנעדיקער הערשער, דאָס לאַכט אַ קינד...

דער קעניג איז גלייך אַוועק אַהיים און געלאָזט מעלדן דעם פאָלק, אַז פון היינט אָן און ווייטער, איז אין גאַנץ כינע פאַרבאָטן צו לאַכן.

טויזנטער מענטשן זיינען אַף מאָרגן געקומען צום קייסערס פאַלאַץ און זיך געבעטן:

— גרויסער הערשער! לאָז אונז לאַכן, אונז איז דאָך אַזוי גוט אַפן האַרצן...

אָבער דער קעניג איז געווען האַרט און שטרענג און ער האָט געזאָגט:

— ניין! לאָז די כינעזער לאַכן און זיי וועלן אָפּלאַכן פון די פריצים, פון די גענעראַלן און פון קייסער אַליין אויך...

הונדערט טויזנט מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקענט לעבן אָן געלעכטער, האָבן אַף מאָרגן גענומען שטעקנס אין האַנט און אויסגעוואַנדערט אַף יענער זייט גרענעץ, וואו זיי האָבן געגרינדעט די רעפּובליק פון געלעכטער.

אַז דער כינעזישער קייסער איז געשטאָרבן, האָט דאָס גאַנצע פאָלק געמוזט אים באַגלייטן אין זיין אייביקער רו. אָבער קיין איין

מענטש, אויסער דעם קרוינפרינץ, האָט נישט געוויינט און נישט פארגאָסן קיין טרער.

— פארוואָס וויינט איר נישט! — האָט געשריגן דער קרוינ־פרינץ — טוט אייך נישט ווי דער טויט פון גרויסן הערשער?

דאָס פאָלק האָט זיך איבערגעקוקט און געשטוינט:

— וויינען!... ווי אַזוי וויינט מען?..

דער קרוינפרינץ איז געווען בייז, זייער בייז, אָבער ער האָט געשוויגן.

שפּעטער, אַז דער קרוינפרינץ האָט פאַרנומען דעם טראָן, האָט ער צונויפגערופן דאָס גאַנצע פאָלק און געהייסן געבן יעדן בינע־זער א לעקעכל.

די בינעזער האָבן צוגענומען דאָס לעקעכל, עס אויפגעגעסן און געשוויגן.

— פארוואָס לאַכט איר נישט! — האָט דער נייער קייסער גע־שריגן — פארוואָס ווייזט איר נישט אַרויס קיין צופרידנקייט! פרייט אייך נישט דער נייער קייסער?

דאָס פאָלק האָט זיך איבערגעקוקט פאַרכידעשט:

לאַכן!... ווי אַזוי לאַכט מען?...

דער נייער הערשער האָט זיך צעלאַכט:

— כאַ, כאַ, כאַ! איר זעט? אַזוי לאַכט מען...

די בינעזער האָבן געמאַכט פארשידענע גרימאַסן, אָבער זיי האָבן בעשום־אופן נישט געקענט נאָכמאַכן זייער הערשער.

פון דעמאָלסט אָן, זאָגט מען:

— אין בינע לאַכט דער קייסער...

פאָרן קינדערלעך שפּאַצירן

פייגעלעס און כייעמלס טאַטע־מאַמע ווילן פאָרן שפּאַצירן, רופן זיי צו די קינדערלעך און פרעגן זיי:

— קינדערלעך, איר ווילט פאָרן שפּאַצירן?

די קינדערלעך דערפרייען זיך און הויבן אָן טאַנצן פאַר פרייד:

— יאָ! יאָ! מיר ווילן!

נעמט מען זיי, די קינדערלעך, מען וואַשט זיי אָרום, מען טוט זיי איבער שיין און מען גייט אַרויס אין גאַס, צום טראַמוויי.

אויפן וועג פרעגט פייגעלע:

— פּאַפּאַ! וואוהין וועלן מיר פאָרן?

— וואוהין ווילסטו פאָרן? — פרעגט דער טאַטע.

— איך וויל קיין באָלגאַריע.

הערט כייעמל, זאָגט ער:

— ניין! קיין באָלגאַריע וויל איך נישט.

— וואוהין דען?

— אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

— איך האָב שוין דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן געזען — זאָגט פייגעלע.

— און איך האָב שוין באָלגאַריע אויך געזען — זאָגט כייעמל.

— זעט דער טאַטע מיט דער מאַמען, אַז די קינדערלעך קריגן זיך, דרייען זיי זיך אום און הויבן אָן צו גיין צוריק אַהיים.

— פּאַפּאַ! מאַמאַ! וואוהין גייט איר? — פרעגן די קינדערלעך דערשראָקן.

— אַהיים.

— פאַרוואָס?

— אַז איינער וויל קיין באָלגאַריע און אַ צווייטער וויל אין

זאָלאָגישן גאָרטן, ווייסן מיר דאָך נישט וועמען צו פאָלגן.

זעט פייגעלע, אַז טאַטע־מאַמע זיינען בייז, הויבט זי זיך אָן בעטן באַם ברודערל:

—זיי אַ גוטער, זאָג, אַז דו ווילסט אויך פאָרן קיין באַלנעאַריע.

— זיי דו אַ גוטע און זאָג, אַז דו ווילסט אויך אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

— אין באַלנעאַריע איז דאָך דאָ אַ יאַם...

— אין זאָאָלאָגישן גאָרטן זיינען דאָך דאָ כייעס...

— די כייעס האָסטו דאָך שוין געזען.

— און דעם יאַם האָסטו דאָך שוין אויך געזען.

דאָס ברודערל מיטן שוועסטערל קענען נישט דורכקומען אין דער טאַטע מיט דער מאַמען גייען זיך געלאָזן צוריק אַהיים.

— שאַ! ווייסטו וואָס, — זאָגט פייגעלע, — לאָמיר גאָר פאָרן וואוהין דער טאַטע מיט דער מאַמען ווילן.

און זיי גייען צו און זאָגן:

— זאָל זיין ווי איר, פאַפאַ און מאַמאַ ווילן.

קוקן זיך טאַטע און מאַמע איבער און זאָגן:

— אויב אַזוי, וועלן מיר גאָר פאָרן אין פאַרק משאַקאַבוקאַ.

גייען שוין אַלע צו צום ראָג און וואַרטן.

— מיט וואָס וועלן מיר פאָרן, פאַפאַ? — פרעגט כייעמל.

— מיט וואָס ווילסטו פאָרן?

— איך וויל מיט אַ טראַמוויי.

— איך, מיט אַן אָמניבוס.

— אַ טראַמוויי איז בעסער.

— אַן אָמניבוס איז בעסער.

די קינדערלעך הויבן זיך ווידער אָן קריגן און די מאַמע ווערט בייז און זאָגט צום טאַטן:

— ווייסטו וואָס, יאַנקל, לאָמיר ביידע אַהיימגיין און זאָל ער זיך פאָרן מיט אַ טראַמוויי און זי מיט אַן אָמניבוס.

— אַליין? — פרעגט כייעמל.

— אָן אייך? — זאָגט פייגעלע.

— יאָ, אָן אונדז.

ווילן נישט די קינדערלעך, און זאָגן:

— זאָל זיין נישט מיט קיין אָמניבוס און נישט מיט קיין טראַמוויי.

— נאָר מיט וואָס דען?

— מיט אַן אויטאָמאָביל.

— אַן אויטאָמאָביל קאָסט אַסאַך געלט.

— איז מיט אַ באַן, וואָס גייט אונטער דר׳ערד.

לאַכט דער טאַטע און זאָגט:

— גוט, זאָל זיין מיט אַ באַן וואָס גייט אונטער דר׳ערד.

און דער טאַטע מיט דער מאַמען שטעלן זיך אַוועק אפן ראַג און וואַרטן, וואַרטן און שמייכלען.

— אָף וואָס וואַרטסטו, פּאַפּאַ? — פרעגט בייעמל.

— וואָס הייסט אָף וואָס? איך וואַרט, אַז מען זאָל מאַכן די אונטערערדישע באַן צום פּאַרק טשאַקאַבוקאָ.

— עס איז נישטאָ אַהין קיין אונטערערדישע באַן?

— דערווייל נאָך נישט.

— איז לאָמיר שוין פאָרן מיט אַ טראַמ...

— אָבער מיט אַ גרינעם טראַמוויי, — זאָגט בייעמל.

— ניין! מיט אַ ווייסן.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן ... יעדער געוואָלט צוריק אַהיימגיין, אָבער די קינדערלעך האָבן ... כאַראַטע געהאַט און געזאָגט:

... ...

— זאָל שוין זיין מיט וועלכן טראַמוויי איר ווילט.

און באַלד זיינען אַלע איינגעשטיגן אפן ערשטן טראַמוויי וואָס איז אָנגעקומען און געפאָרן אין פּאַרק טשאַקאַבוקאָ.

שיעלע האָט שוין אַ באַן

שיעלע וויל אַ באַן, אַ גרויסע באַן מיט אַסאַך, אַסאַך וואַגאַנעס, מיט אַ מאַשין, וואָס זאָל לויפן און קלאַפּן: טראַ טאַ, טאַ טאַ טאַ טאַ טאַ. אין אָוונט, אַז דער טאַטע קומט פון דער אַרבעט, לויפט ער צו אים צו, קריכט אים אַרויף אַפן שויס, גלעט אים און זאָגט:

— טאַטעשי, קויף מיר אַ באַן.

— גוט — זאָגט דער טאַטע — איך וועל דיר קויפן.

— אַבער איך וויל אַן עמעסע באַן, אַ גרויסע.

— גוט. זאָל זיין אַן עמעסע באַן, אַ גרויסע.

— מיט אַסאַך וואַגאַנעס און אַ מאַשין...

— פיין.

— זי זאָל לויפן גיך, גיך און קלאַפּן: טראַטאַ טאַ טאַ טאַ.

דער טאַטע גייט אַוועק און קויפט שיעלען אַ באַנדל, מיט וואַגאַנעס און אַ מאַשינדל, וואָס לויפט אין מאַכט: זשו זשו זשו. שפּילט זיך שיעלע אַביסל און זאָגט:

— נישט אַזאַ באַן האָב איך געמיינט.

— וואָסער דען באַן האָסטו געמיינט?

— איך האָב געמיינט אַן עמעסע באַן, מיט וועלכער דו פאָרסט צו דער אַרבעט.

— גוט — זאָגט דער טאַטע — איך וועל דיר קויפן אַן עמעסע באַן, אַ באַן מיט וועלכער איך פאָר צו דער אַרבעט.

אַף מאָרגן איז געווען זונטיק, האָט דער טאַטע נישט געאַרבעט. האָט ער מיטגענומען שיעלען צו דער סטאַציע און אים דאָרטן אָנגעוויזן אַף אַ גרויסע באַן, מיט אַסאַך, אַסאַך וואַגאַנעס און מיט אַ מאַשין און אים געזאָגט:

— אַזאַ באַן מיינסטו?

— יאָ.

— נוט, נעם זי.

שיעלע קוקט אָן דעם טאַטן.

— זי איז דען דיינע?

— אַז איך הייס זי נעמען, מיסטאָמע איז זי דאָך מיינע.

שטייט שיעלע און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

— פּאַפּאַ! זי איז דאָך גרויס. איך קאָן דאָך זי נישט דערטראָגן?

— אַ באַן דאַרף מען נישט טראָגן. מען גייט אַרויף צום לאָקאָ-מאָטיוו און מען טוט אַ דריי דאָס רעדל, גייט זי אַליין.

— איך ווייס דאָך נישט ווי אַזוי?

— לערן זיך אויס.

שיעלע איז אַוועק מיטן טאַטן אַהיים און ער האָט דערציילט אַלע קינדער, אַז זיין טאַטע האָט אים געקויפט אַן עמעסע באַן און ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער און זיך אויסלערנען פירן אַ לאָקאָמאָטיוו, וועט ער זי אַהיימברענגען.

ברײנדעלע וויל זיין א יינגעלע

ברײנדעלע וויל אַלעמאָל זיין אַ יינגעלע. ווען זי זעט איר ברודערל איצכאָק אַרומלויפן מיט די יינגלעך אין גאַס, לויפט זי אַריין צו דער מאַמען און הויבט אָיה אָן ציען פאַרן קלייד.

— איצכאָקל שפּילט זיך מיט די יינגעלעך.

— שפּיל זיך דו אויך מיט זיי.

— זיי ווילן זיך נישט שפּילן מיט מיר.

— שפּיל זשע דיך מיט די מיידעלעך.

— איך וויל זיך שפּילן מיט די יינגעלעך.

— וואָס זשע זאָל איך טון?

— איך וויל אויך זיין אַ יינגעלע.

— אַז דו ווילסט, זיי.

—טו מיר אַן הויזעלעך.

— אַז איך וועל דיר אָנטון הויזעלעך, וועסטו שוין זיין אַ יינגעלע?

— טו מיר אָן אַזאַ בלוזקעלע, ווי איצכאַקלס און שער מיך אָפּ ווי אַ יינגעלע.

— אַז איך וועל דיר אָנטון הויזעלעך און אַ בלוזקעלע ווי איצכאַקלען און אָפּשערן אַזוי ווי אַ יינגעלע, וועסטו אַלץ זיין אַ מיידעלע.

— פאַרוואָס?

— ווייל דו הייסט ברײַנדעלע און אַ ברײַנדעלע קען נישט זיין אַ יינגעלע.

— וועל איך הייסן אַן אַנדער נאָמען.

— וואָסער נאָמען?

— יאַנקעלע.

די מאַמע לאַכט:

— אַלע מענטשן ווייסן, אַז דו הייסט ברײַנדעלע און זיי וועלן לאַכן, זיי וועלן זאָגן, אַז דו נאַרסט זיי אָפּ.

אָבער ברײַנדעלע וויל נישט הערן.

— מאַמע! איך וויל זיין אַ יינגעלע, — זאָגט זי — שטענדיק, שטענדיק איך אַ מיידעלע...

— אַ יינגעלע האָב איך שוין, און דאַרף נישט קיין צוויי. אויב דו ווילסט זיין אַ יינגעלע, איז זוך דיר אויס אַן אַנדער מאַמע מיט אַן אַנדער טאַטן.

ברײַנדעלע בלאָזט זיך אָן אַ ברוגעזע און זאָגט:

— פאַרוואָס יאַנקעלעס מאַמע האָט צוויי יינגעלעך?

— ווייל יאַנקעלעס מאַמע וויל און איך וויל נישט. איך וויל האָבן איין יינגעלע און איין מיידעלע.

— אָבער שטענדיק איצכאַק אַ יינגעלע און איך אַ מיידעלע!...

— איצכאַק געפעלט מיר ווי אַ יינגעלע און דו ווי אַ מיידעלע...

ברײַנדעלע ווערט בייז און הויבט אָן וויינען.

— איך וויל זיין א ייִנגעלע...

דער טאַטע קומט פון דער אַרבעט און זעט בריינדעלע וויינט,

פרעגט ער:

— וואָס איז געשען?

דערציילט אים די מאַמע:

— זי האָט זיך אָנגעטשעפּעט און וויל זיין א ייִנגעלע.

— זאָל זי זיין.

— זי וויל, אַז מען זאָל איר אָנטון הויזלעך.

— אַזוי גאָר?

דער טאַטע רעדט זיך איבער שטיל מיט דער מאַמען און זאָגט:

— גוט, בריינדעלע, מיר וועלן דיר אָנטון הויזעלעך, און לאָמיר טאַקע זען, צי דו וועסט זיין א שיין ייִנגעלע.

בריינדעלע דערפרייט זיך, ווישט זיך גיך אויס די טרערן און הויבט אָן שפּרינגען פון סימכע.

— א ייִנגעלע! א ייִנגעלע! איך וועל זיין א ייִנגעלע!

די מאַמע טוט אָן בריינדעלען איצטאָקלם א פּאָר הויזעלעך, א בלוזקעלע, פירט איר צו צום שפּיגל און זאָגט:

— דו געפעלסט זיך, בריינדעלע?

— א ייִנגעלע הייסט נישט בריינדעלע — זאָגט זי.

— ווי זשע הייסטו?

— איך הייס יאַנקעלע.

— זאָל זיין יאַנקעלע. וואָס זאָגסטו, יאַנקעלע, ביסט א שיין ייִנגעלע?

בריינדעלע קוקט אין שפּיגל און לאַכט צו זיך אַליין.

— שיין ייִנגעלע, יאַנקעלע...

בריינדעלע לויפט באַלד אַרויס צו די קינדער אַפן גאַס מיט א פרייד:

— איך בין שוין אויך א ייִנגעלע, איך טראָג הויזעלעך...

די ייִנגלעך רינגלען איר אַרום און לאַכן.

— ייִנגעלע ברײַנדעלע, ברײַנדעלע ייִנגעלע, נאַ דיר אַ פֿינגערל, גיב מיר אַ רינגעלע.

— איך הייס נישט ברײַנדעלע.

— ווי זשע דען הייסטו?

— יאַנקעלע הייס איך.

— אַזוי! יאַנקעלע קאַנקעלע פּלעשעלע בראַנפֿן?

די ייִנגלעך נעמען זיך צוריק צו זייער שפּיל און הייבן זיך אָן אַרומיאָגן פֿון איין סקינע צו דער צווייטער און ברײַנדעלע לויפֿט זיי נאָך ווילד פֿון פֿרייד און שרײַט:

— גיכער, גיך, רײַס די שיך, מיידעלע — דו, ייִנגעלע — איך.

די קליינע סאַרעלע קומט אַרויס אויפֿן גאַס און זעט ברײַנדעלען אָנגעטון ווי אַ ייִנגעלע, קוקט זי איר אָן.

— זע נאָר, ברײַנדעלע! — זאָגט זי — זי גייט אָנגעטון ווי אַ ייִנגעלע...

— איך בין שוין אַ ייִנגעלע — זאָגט זי.

— אַך אַן עמעס?

— אַוואַדע, איך הייס שוין נישט ברײַנדעלע, נאָר יאַנקעלע.

— קום זיך שפּילן.

— איך וויל נישט. איך בין אַ ייִנגעלע, שפּיל איך זיך מיט ייִנגעלעך.

די מאַמע קומט אַרויס און רופֿט אַרײַן די קינדער.

— איצבאַקל עסן, ברײַנדעלע עסן.

ברײַנדעלע טוט אַ קוק אָנגעברוגעזט אויף דער מאַמען און זאָגט:

— ברײַנדעלע איז נישטאָ.

— ווער דען איז דאָ?

— יאַנקעלע.

— גוט, קום יאַנקעלע אַרײַן עסן.

בײַם טיש פֿרעגט די מאַמע איצבאַקלען:

— ווי געפֿעלט דיר עפּעס דײַן ברודערל?

י...באַקל לאַכט.

— עס איז נישט קיין ברודערל, נאָר אַ שוועסטערל.

— זי טראָגט דאָך הויזעלעך?

— אַ שוועסטערל קאָן אויך טראָגן הויזעלעך.

— זי הייסט דאָך יאַנקעלע?

— ניין, זי הייסט ברײַנדעלע.

הערט דאָס מיידעלע, אַז איצטאַקל זאָגט, אַז זי הייסט ברײַנדעלע, ווערט זי בייז און הויבט אָן שרייען:

— ניין! איך הייס יאַנקעלע, איך בין אַ ייִנגעלע און איך בין נישט אַ שוועסטערל, נאָר אַ ברודערל.

איצטאַקל קוקט אָפּן מאַמען און אויף דער מאַמען און לאַכט.

— איצט — זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען — אַז דו האָסט שוין צוויי ייִנגעלעך, איז זאָג מיר: וועלכעס ייִנגעלע געפעלט דיר בעסער?

— מיר — זאָגט דער טאַטע — געפעלט בעסער איצטאַקל.

— און מיר אויך.

— יאַנקעלע איז געווען אַ שיין מיידעלע.

— יאָ, אַ מיידעלע איז יאַנקעלע געווען אַ שיינס, אָבער אַ ייִנגעלע איז דאָס נישט קיין שיינס.

— אַזוי איז, פון אַ שיין מיידעלע ווערט אַ מיעס ייִנגעלע.

— דאָס פּנים, די נאָז, די אויגן, זיינען פון אַ מיידעלע און דאָס אָנטון פון אַ ייִנגעלע.

— עס מאַכט נישט אויס — זאָגט דער טאַטע — אַז זי וויל בעסער זיין אַ מיעס ייִנגעלע, איידער אַ שיין מיידעלע.

ברײַנדעלע האָט גאָרנישט גערעדט. זי האָט מיט די הענטעלעך געטאַפּט די הויזעלעך און אָנגעקוואָלן פון זיי.

— גוט — האָט די מאַמע געזאָגט — אָבער וואָס טוט מען מיט אירע שיינע קליידעלעך?

— גיב זיי אַוועק סאָרעלען.

— וואָסער סאָרעלע, די וואָס וואוינט דאָ קעגנאיבער?

— סי סעניאָר.

— און דאָס שיינע בלויע מאַנטעלע מיט דער פּעלערינע און מיט די ווייסע זילבערנע קנעפּ?

— אויך.

— און די נייע שיכעלעך מיטן האַנטבייטעלע?

— אַלץ.

— און דאָס ווייסע וואָלענע קליידעלע מיט די קאָלירטע סטענגעס, וואָס די שניידערקע מאַכט איר איצט?

— אַלץ. אַז דו האָסט נישט קיין מיידעלע, איז וואָס דאַרפסטו עס.

די מאַמע הויבט זיך אויף פון טיש, גייט צו צו דער שאַפע און נעמט אַרויס ברײַנדעלעס קליידעלעך, איר מאַנטעלע, אירע שיכעלעך, איר האַנטבייטעלע און זאָגט:

— וואָס זשע זאָגסטו, ברײַנדעלע, זאָל איך אַרײַנטראָגן דאָס אַלץ פאַרעלעז?

— יאָ — ענטפערט ברײַנדעלע שטיל און אָן כײַשעק.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט שוין זײַן שטענדיק אַ ייִנגעלע?

— יאָ.

די מאַמע לאָזט זיך גיין מיטן פּאַק צו דער טיר און דער טאַטע פאַרהאַלט זי.

— נעם שוין מיט איר ליאַלקע אויך. וואָס דאַרף אַ ייִנגעלע אַ ליאַלקע.

— גערעכט — זאָגט די מאַמע און גייט צוריק, נעמט די ליאַלקע און לאָזט זיך גיין צו דער טיר. אָבער ברײַנדעלע קען זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און לויפט צו, כאַפּט אָן דער מאַמען פאַרן קלייד:

— גיב נישט אַוועק פאַרעלען מײַנע קליידעלעך און זאַכעלעך.

— וואָס דאַרפסטו זיי? ביסט דאָך שוין אַ ייִנגעלע!

— ניין, איך בין אַ מיידעלע.

— דו הייסט דאָך יאַנקעלע.

— ניין, איך הייס ברײַנדעלע.

— דו טראגסט דאך הויזעלער?

— טו זיי מיר אויס.

און ברײנדעלע הויבט באלד אן אליין אראפשלעפן פון זיך די הויזעלעך, מיט דער ייִנגלשער בלוזקע, שארט זיך אראפ די האר, וואס זי האט זיך אליין אריבערגעווארפן איבער די אויערן און שלעפט ארויס איינציקווייז פון דער מאמעס האנט אלע קליי־דעלעך און שפּילעכלעך.

דער קינדערקלוב

זונטיק בטאג, אין דרויסן איז קאלט און כמארנע און עס האלט אט אט באם רעגענען. שפּילן זיך קינדער אפן גאס, לויפן ארום, שפּרינגען און טאנצן. קומען ארויס טאטעס און מאמעס און בעטן זיך:

— לייבעלע, קום אריין אין שטוב.

— חאנעלע, עס וועט באלד רעגענען.

— יאנקעלע, עס איז קאלט.

— חוועלע, ווערסט זיך נאך צוקילן.

אבער די קינדער פאלגן זיך נישט און ווילן נישט אריינגיין אין שטוב.

— באלד — זאגן זיי.

— כ'על זיך אפּשפּילן.

— נאך א קליין ביסעלע.

— לאז מיך אפּ.

די קינדער שפּילן זיך אין באהעלטעניש און זיי לויפן ארום, קווײטשען און שרייען, ביז עס הויבט אן פּרישען א דין רעגנדל.

— שלעכט — זאגן זיי — איצט קען מען זיך נישט שפּילן.

— מיין טאטע וועט באלד ארויסקומען.

— מיין מאמע אויך.

די קינדער גלוסט זיך נישט אריינגיין אין שטוב. עס איז זיי אומעטיק דארט און זיי ווילן בעסער זיין צוזאמען. פאלט איין לייבעלען א געדאנק און ער זאגט:

— ווייסט איר וואס? קומט אלע אריין צו מיר אין שטוב, וועלן מיר זיך שפילן.

דערפרייען זיך אלע און זאגן:

— גוט, מיר גייען.

אין שטוב, בעט לייבעלע זיין מאמען, אז זי זאל אים לאזן זיך שפילן מיט די קינדערלעך און זי דערלויבט אים.

— נאר געדענק — זאגט זי, — אז קיין געשרייען קען איך נישט פארטראגן.

א פאר מינוט, שפילן זיך די קינדער שטיל, אבער באלד פארגעסן זיי זיך און הויבן אן שרייען און לארמען און לייבעלעס מאמע הויבט זיך אויף און זאגט:

— גייט אייך, קינדערלעך, געזונטערהייט, עס טוט מיר וויי דער קאפ.

די קינדערלעך ווילן זיך שוין צעגיין אהיים, זאגט כאוועלע:

— קומט אריין צו מיר אין שטוב, מיין מאמן טוט נישט וויי דער קאפ.

דערפרייען זיך אלע און זאגן:

— גוט, לאמיר גיין צו כאוועלען.

אין דרויסן רעגנט שוין שטארקער און דער ווינט שמייסט דעם רעגן אין פאנים אריין. די קינדערלעך לויפן שנעל אדורך די גאס און פאקן זיך אריין אלע אין קליינעם שטיבל, וואו עס וואוינט כאוועלע.

— מאמע — זאגט כאוועלע — וועסט מיר לאזן דא שפילן זיך מיט די קינדערלעך?

— יא, — זאגט זי — נאר אן געשרייען, דער טאטע לייענט די בלאט.

די קינדערלעך שפּילן זיך אַ ווײַלע שטיל מיט כאַוועלעס זאַכעלעך און באַלד פאַרגעסן זיי זיך און הויבן אָן ריידן העכער און העכער. הויבט זיך כאַוועלעס טאַטע אויף און זאָגט:

— גייט אייך, ליבע קינדערלעך, געזונטערהייט. איך וויל לייענען די צייטונג.

ווילן זיך שוין די קינדערלעך צעגיין יעדער צו זיך אַהיים, זאָגט יאַנקעלע:

— קומט, קינדערלעך, מײַן טאַטע האָט שוין די צייטונג אָפּגעלייענט.

— גוט — זאָגן אַלע — לאָמיר גיין.

אין דרויסן רעגנט נאָך אַלץ און סע ווערט שוין נאַכט. די קינדערלעך לויפן אַריבער די גאַס און קומען אַרײַן צו יאַנקעלען.

— מאַמע, טאַטע — פרעגט יאַנקעלע — לאָזט אונדז שפּילן?

— גוט, שפּילט זיך.

די קינדערלעך שטעלן אויס אין אַ שורע די שטולן און מאַכן אַ באַן; יאַנקעלע איז דער מאַשיניסט און לייבעלע דער קאָנדוקטאָר. וואָס גייט אַרום נאָך בילעטן און די איבעריקע זײַנען די פּאַסאַזשירן.

צום אָנהויב שפּילן זיך די קינדערלעך שטיל, נאָר באַלד הויבן זיי אַלע אָן נאָכצומאַכן די באַן און שרײַען:

— טראַטאַ טאַ, טאַ, טאַ!

— טרוו — מאַכט נאָך כאַוועלע ווי די באַן פּייפט אויף דער סטאַנציע.

— סאַסאַ! סאַסאַ! — מאַכט נאָך לייבעלע ווי די באַן סאָפּעט.

יאַנקעלעס עלטערער ברודער זיצט בײַם ראַדיאָ און הערט זינגען; קען ער נישט פאַרטראָגן און שרײַט אויס:

— גייט אייך, קינדערלעך, געזונטערהייט. איך וויל הערן דעם ראַדיאָ.

די קינדערלעך ווילן שוין אַהיימגיין, רופט זיך אָן פישעלע:

— וויסט איר וואָס? קומט צו מיר. איך האָב נישט קיין ברודער און האָב נישט קיין ראַדיאָ.

— און דיין מאמע וועט לאזן?

— יא, זי וועט לאזן.

— און דיין מאמע וועט אונז נישט ארויסטרייבן?

קלערט פישעלע און זאגט:

— שא, בא אונז אין הויף שטייט לוידיק א צימער, וועלן מיר דארט זיך קענען שפילן...

די קינדער דערפרייען זיך.

— אט דאס איז גוט! דארט וועט אונז קיינער נישט שטערן...

די קינדערלעך לויפן שנעל דורך די גאס, קומען אריין צו פר שעלען אין הויף און גייען אריין אין ליידיקן צימער, מאכן דארט ליכטיק און הויבן זיך אן שפילן.

די קינדער צעשטיפן זיך וואס אמאל מער און שרייען, פילדערן און קיינער שטערט זיי נישט.

— דא — זאגט לייבעלע — איז נישטא קיין מאמע, קיין מאמע.

— און קיין ברודער און קיין ראדיא אויך נישט...

— עס וואלט געווען גוט, ווען מיר קענען זיך דא שפילן אלע טאג.

— מען קען — זאגט יאנקעלע — דער צימער שטייט דא ליידיק.

— ניין — זאגט פישעלע — מארגן וועט מען אים פארדינגען. היינט איז דא געווען א מענטש וואס האט אים באקוקט און געזאגט, אז ער וועט קומען מארגן.

— קענסטו דאך זאגן דיין טאטן, ער זאל אים נישט פארדינגען

— זאגט לייבעלע.

— אזוי! מיין מאמע דארף געלט...

— קענען מיר דאך אים באצאלן דאס געלט — זאגט כאוועלע.

— ווי אזוי?

— יעדער וועט ברענגען פופציק סענט, וועט מען דינגען דעם צימער.

— נערעכט, איך וועל זאגן מיין מאמען, אז אויב זי וויל דער

קאָפּ זאָל איר נישט וויי טון. זאָל זי מיר געבן אַ פּעזע. ווען מיר זיך דאָ שפּילן.

— און איך וועל זאָגן מיין טאַטן, אַז אויב ער וויל לייענען די בלאַט, זאָל ער מיר אויך געבן אַ פּעזע.

— און איך וועל זאָגן מיין ברודער...

— און עס וועט זיין גענוג?

— מיר וועלן זאָגן אַלע קינדער פון גאַס. וועלן זיי אויך געבן צו פופציק סענט, אָדער אַ פּעזע.

די קינדער דערפרייען זיך:

— אַזוי וועט זיין גוט! איך וועל ברענגען אַהער מיין דאַמינע...

— און איך מיין לאָטאָ...

— איך וועל ברענגען מיינע אַלע שפּילעכלעך!

— און איך האָב ביכלעך מיט שיינע מייסעלעך. וועל איך זיי אויך ברענגען.

— און מיר וועלן זיך דאָ צונויפקומען אַלע נאָכט און שפּילן אין דאַמינע, אין לאָטאָ...

— לייענען ביכלעך...

— אַזוי ווי די גרויסע!..

— אַזוי ווי די טאַטעס!..

פון דעם איינפאַל, הויבן אָן די קינדער שפּרינגען און טאַנצן פון פרייד און צעלויפן זיך באַלד אַהיים איבעררעידן מיט די מאַמעס און מיט די טאַטעס. ווייטער עס געפעלט גאָר שטאַרק דער פּלאַן פון זייערע קינדער און זיי זאָגן־צו נישט נאָר צו געבן געלט, נאָר אויך צוהעלפן, אַז די קינדער זאָלן זיך דאָרט קענען אַלע אָוונט צונויפקומען. און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דאָרט דאָס פּלאַץ וואָס הייסט היינט:

קינדער־קלוב.

נישט טערקיש און נישט גרעקיש

אַ קליין מיידעלע קומט אַריין אין אַ פאַרמאַסיע, לייגט אַוועק אַפן טיש צען סענט און זאָגט:

— איטיע מיטיע פעטיע אַטיע.

קוקט איר דער אַפטייקער אָן און פרעגט:

— וואָס ווילסטו, מיידעלע?

— איטיע איליע אויטיע אַטיע.

הויבט דער אַפטייקער מיט די פלייצעס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ לאָשן? איך פאַרשטיי נישט אַ וואָרט. זאָג, וואָס ווילסטו?

— פעטיע אַטיא — ענטפערט דאָס קינד.

טראַכט זיך דער אַפטייקער: דאָס קינד מוז אַוואַדע זיין פון טערקיי און עס רעדט טערקיש. און ער לויפט אַרויס, רופט אַריין זיין שכן דעם טערק און זאָגט אים:

— טו נאָר אַ פרעג דאָס קינד וואָס עס וויל.

— כאַלאַ באַנאַלאַ אַכמאַ טאַקאַלאַ? — פרעגט דער טערק דאָס קינד אַף זיין לאָשן.

— איטיע איליע אויטיע אַטיע — ענטפערט דאָס קינד ווידער אַף דערזעלבער שפּראַך.

הויבט דער טערק מיט די פלייצעס און זאָגט:

— ניין, דאָס איז נישט קיין טערקיש!

— וואָס זשע קען דאָס זיין פאַר אַ לאָשן? — פרעגט דער אַפטייקער.

— איך ווייס נישט — זאָגט דער טערק — נאָר מיר דוכט זיך, אַז עס איז גרעקיש.

לויפט דער אפטייקער ווידער ארויס און קומט באלד אריין מיט א שאבן א גרעק.

— ברודער גרעק — זאגט ער — עפשער קענסטו מיר זאגן, וואס דאס מיידעלע וויל?

— פארוואס נישט — זאגט דער גרעק און טוט באלד א פרעג דאס קינד אף זיין לאשן:

— ברענדא קאלענדא פאפאגא מאראטא?

— אטיע, אוטיע, אטיע — זאגט דאס קינד.

דרייט דער גרעק מיטן קאפ און זאגט:

— ניין, דאס קינד רעדט נישט קיין גרעקיש.

— וואס זשע פאר א שפראך רעדט עס?

— איך ווייס נישט, נאר דוכט זיך מיר, אז עס איז יאפאנעזיש.

זעט דער אפטייקער דערכפארן אן אויטאמאביל מיט א יאפאנעזישן שאפער, לויפט ער ארויס און שטעלט אים אפ.

— ליבער יאפאנטשיק, קענסט מיר עפשער זאגן וואס דאס מיידעלע וויל?

— מיט פארגעניגן.

דער יאפאנער שטייגט אפ פון אויטא און גייט צו צום קינד און פרעגט עס אף זיין שפראך:

— טון טאן סען טען פיט-פאט?

— אימיע איליע אוימיע אטיע, — ענטפערט דאס מיידעלע אלץ מיט דיזעלבע רייד.

— ניין — זאגט דער יאפאנעזער — זי רעדט נישט קיין יאפאניש.

— וואס זשע פאר א שפראך רעדט זי?

— איך ווייס? עפשער רעדט זי טאטעריש?

דערווייל פאלט דעם אפטייקער איין א געדאנק און ער נעמט דאס קינד פאר א הענטל און פירט עס צו צו די שענקלעך און ווייזט אן אף פארשידענע ארטיקלען.

— דאס ווילסטו?

— איין — זאגט דאס קינד.

— דאס?

— איין. איליע ווילי׳ אויסיע אטיע.

— שא. עפשער ווילסטו נאר קויפן ענגלישן זאלץ?

— איין.

— עפשער אספירין?

—איין. אטיע.

דער אפטייקער איז געבליבן שטיין און נישט געוואוסט וואס ווייטער צו טון, אבער דערווייל איז אריינגעקומען א פרוי און ווען זי האט זיך דערוואוסט וואס דא קומט פאר, האט זי געזאגט:

— זאג נאר מיר, שיין מיידעלע, וואס ווילסטו קויפן?

— אימיע איליע אויסיע אטיע — האט דאס קינד געזאגט.

די פרוי האט זיך צעלאכט.

— נארישער אפטייקער! וואס איז דא נישט פאראן צו פאר־שטיין? דאס קינד זאגט, אז עס וויל קויפן וואטע.

דאס קינד האט זיך דערפרייט און אנגעהויבן שאקלען מיטן קאפ.

— אטיע. אטיע.

אז דאס קינד איז אוועק מיטן פעקל וואטע, האט דער אפטיי־קער זיך נאך אלץ געוואונדערט.

— זאגט מיר — האט ער געפרעגט דער פרוי — ווי אזוי האט איר פארשטאנען וואס דאס קינד וויל?

די פרוי האט געלאכט.

— איך בין א מאמע און א מאמע פארשטייט אלץ. וואס א קינד וויל.

די יאַטן וואָס האָבן נישט געוואָלט זיין קיין סאָלדאַטן

צוויי ייִנגלעך טוען זיך אָן הילצערנע שווערדלעך מיט רויטע שליפעס פון פּאַפּיר און קומען אַרויס אויפן גאַס צו זייערע כאַווײרים און זאָגן:

— זייט וויסן, אַז מיר זיינען גענעראַלן.

דערהערן עס אַנדערע צוויי, זאָגן זיי:

— מיר ווילן אויך זיין גענעראַלן!

טוען די ערשטע אַ כאַפּ זייערע שווערדלעך און זאָגן:

— גענעראַלן זיינען מיר. איר קענט זיין קאַראַנעלן.

לויפן די ייִנגלעך אַוועק, טוען זיך אויך אָן הילצערנע שווערדלעך מיט בלאָע שליפעס פון פּאַפּיר, קומען אַרויס אויפן גאַס און זאָגן:

— מיר זיינען קאַראַנעלן!

שפּרינגען ווידער אַרויס צוויי און זאָגן:

— מיר ווילן אויך זיין קאַראַנעלן!

טוען דיביידע קאַראַנעלן אַ כאַפּ זייערע הילצערנע שווערדלעך און גיבן אַ געשריי:

— קאַראַנעלן זיינען מיר! איר קענט זיין אָפיצירן.

גייען די צוויי ייִנגלעך אַוועק, טוען זיך־אויך אָן הילצערנע

שוועדלעך מיט גרינע שליפעס פון פאפיר און קומען ארויס אפן גאס צו זייערע באווײַרים און זאגן:

— מיר זײַנען אפיצירן!

דערהערן עס די איבעריקע קינדער, שרײַען זיי:

— מיר ווילן אויך זײַן אפיצירן!

כאפן די בײדע אפיצירן די שווערדן און הייבן אן שרײַען:

— אפיצירן זײַנען מיר! איר דארפט זײַן פראסטע סאלדאטן.

— ווילן מיר נישט.

לויפן די אפיצירן אוועק צו די קאראנעלן, די קאראנעלן צו די גענערעלער, און אלע קומען זיי צולויפן מיט די שווערדלעך אין האנט און שרײַען:

— איר וועט זײַן סאלדאטן, צי נישט?

דערשרעקן זיך די קינדער און זאגן:

— מירן זײַן, מירן זײַן.

נעמען די אפיצירן מיט די קאראנעלן און שטעלן אויס די סאלדאטן אין צוויי שורעס און הייבן אן מיט זיי צו קאמאנדעווען:

— רעכטס! לינקס!

— א טריט פארויס!

— גלײַכשטײן!

די גענעראלן שטייען אביסל אפגערוקט און קוועלן

— א פײַנע ארמײ!

— מען קען מיט איר אײַנעמען א וועלט!

— איצט — זאגט איין גענעראל — דארף מען מיט דער ארמײ אוועקמארשירן צו דער סקינע, אף רעכטס.

— ניין — זאגט דער צווייטער גענעראל — בעסער איז צו מארשירן צו יענער סקינע אף לינקס.

— איך זאג אף רעכטס.

— איך זאג אף לינקס.

די גענעראלן הייבן זיך אן צו קריגן און איינער פון זיי ווערט בייז און זאגט:

— ווייסטו וואס, לאמיר זיך צוטיילן מיט דער ארמיי. מיר אן אפיציר, דיר אן אפיציר; מיר א סאלדאט, דיר א סאלדאט.

דער צווייטער גענעראל גייט איין אין באלד ווערט פון דער איינער ארמיי געמאכט צוויי און דער ערשטער גענעראל, וואס הייסט מוישע, פארשירט אפ מיט זיין ארמיי אף רעכטס, צו דער פארמאסיע. און דער צווייטער גענעראל, וואס הייסט יאנקל, פאר־שירט אפ מיט זיין ארמיי אף לינקס, צום אלמאסען.

אין א פאר מינוט ארום קומען זיך ביידע גענעראלן צענויף אינמיטן קוואדרע נעבן א טרעפל.

— גענעראל מוישע!

— וואסי, גענעראל יאנקל?

— לאמיר מאכן א מילכאמע.

— גוט: לאמיר מאכן א מילכאמע.

— איך וועל צונויפנעמען בא מיינע זעלנער קנעפלעך און דו וועסט צענויפנעמען בא דיינע זעלנער קנעפלעך און ווער ס'וועט געווינען די מילכאמע, וועט אויך געווינען די קנעפלעך.

— געמאכט.

די גענעראלן גייען אוועק צו זייערע ארמייען און קומען באלד צוריק מיט פולע קעשענעס קנעפ.

— גוט. מען קען שוין אנהויבן. אבער פריער דארף מען זיך צוקריגן.

— ווי אזוי?

— איך וועל זאגן, אז דאס טרעפל איז מיינס און דו וועסט זאגן, אז עס איז דיינס.

— גוט. הויב אן.

גענעראל מוישע מאכט א בייזע מינע און גיט גענעראל יאנקלען א שטויס.

— גיי אוועק פון דעם טרעפל. עס איז מיינס.

גענעראל יאנקל גיט גענעראל מוישען א שטארקערן שטויס און זאגט:

— ווייל איך נישט. עס איז מיינס.

— איך שיק מיינע סאלדאטן. מאכן זיי פון דיר א מעל.

— איך לאז פון דיינע סאלדאטן. מיינע זיינען שטארקער.

— וועלן מיר באלד זען.

— גוט. לאמיר מאכע זען.

די גענעראלן גייען אפ צו זייערע ארמייען און גיבן א קאמאנדעווע:

— אין מילכאמע אריין!

די סאלדאטן טוען זיך א לאז איינע קעגן די אנדערע און קריכן זיך אריין מיט די נעגל אין די האר, אין די פעניסער, רייסן זיך פאר די נעז, פאר די אויערן און די גענעראלן שטייען זיך פון ביידע זייטן און קאמאנדעווען:

— שטארקער! גיט זיי!

— אט אזוי! האט נישט מוירע!

— מיט דער פויסט!

— אין די אויגן אריין!

די מילכאמע האט געדויערט אינגאנצן א פאר מינוט און גע־וואונען דאס טרעפל האט מוישעס ארמיי. וואס האט פאריאגט דעם סוינע און געוואונען אלע קנעפ.

ווען מוישעס סאלדאטן האבן זיך אויסגעזעצט אף דער ערד, האט מען געזען, אז זיי זיינען אלע צוקיילט און צובייזלט און בא אסאך רינט בלוט פון דער נאז, פון מויל און פון פאנים און אייניקע

זיינען אפילע ארוים פון שלאכט מיט צעפליקטע הויזלעך, מיט צע־ריסענע רעקלעך.

דער איינציקער, וואס איז ארוים גאנץ פון דער שלאכט, איז געווען דער גענעראל מוישע. ווײַלבער האט שטארק געליבט זיינע סאלדאטן און קוקנדיק אף זייערע צעבלוטיקטע פּנימער האט ער געזאגט:

— איר האט זיך איפגעפירט ווי עמעסע סאלדאטן.

בעיים עס איז געקומען צו דער צעטיילונג פון די קנעפּלעך, האט מוישע געזאגט צו זיינע אפיצירן:

— עס איז פאראן צוזאמען 33 קנעפּלעך, דארף מען זיך צעטיילן.

— גוט.

— איך נעם זיך פּופצן.

— פארוואס עפּעס אזוי פיל?

— איך בין דער גענעראל, קומט מיר מער פאר אלע.

—און איך בין א קאראנעל, קומט מיר אויך מער פאר אלע.

— און איך בין אן אפיציר, קומט מיר אויך מער.

אז יעדער האט צוגענומען, וויפל ער האט געוואלט, איז שוין פאר די סאלדאטן גארנישט געבליבן.

— וואו איז אונזער כיילעק? — האבן זיי געשריגן.

— אונז האט מען צעגראפּשעט און צעריסן און זיי נעמען גאר די קנעפּלעך.

— דער גענעראל האט זיך נישט געשלאגן און מען דארף אים קיין איין קנעפּל אויך נישט געבן.

— לאָמיר צונעמען ביי אים אַלע.

די סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד אַ וואָרף געטון אָפן גענעראַל, אָפן קאָראַנעל און אָפן אָפיציר.

— נים אָפ די קנעפּלעך.

— געדענקט, — האָט מישע געשריגן — איך בין אַ גענעראַל.

— אַזוי! אַ גענעראַל ביסטו? וועסט באַלד זיין אַ לעקיש, נישט קיין גענעראַל.

און זיי האָבן אַראָפּגעריסן בא מישען דאָס שווערדל, אַראָפּגעריסן די פּאַפּירענע שליפעס, צוגענומען ביי אים די קנעפּלעך, אים גוט אָנגעשלאָגן און אַוועקגעטריבן.

דער קאָראַנעל מיט דעם אָפיציר זיינען אַליין אַנטלאָפן, ווייל זיי האָבן מוירע געהאַט, אַז זיי וועלן אויך כאַפּן קלעפּ.

גענעראַל יאַנקלס אַרמיי, וואָס איז אויך געווען גוט צעשלאָגן און צעבלוטיקט, איז זיך באַלד צעפאַלן. אַלע סאָלדאַטן זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים און ווען די מאַמעס מיט די טאַטעס האָבן זיי דערזען, האָבן זיי געמאַכט אַ געוואַלד:

— ווער האָט אייך אַזוי צעהאַרגעט?

— מיר זיינען געווען אין אַ מילכאָמע.

— וואָסער מילכאָמע?

— יאַנקל האָט געמאַכט אַ מילכאָמע מיט מוישען.

— האָט איר זיך געשלאָגן פאַר זיי?

— זיי זיינען געווען די גענעראַלן.

— נאַראָנים!

— קעלבלעך!

— קוקט זיך נאָר אָן אין שפּיגל. ווי אַזוי וועט איר מיט אַזעלכע פּנימער גיין אין שולע אַריין?

די קינדער האָבן זיך באַטראַכט אין שפּיגל און זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין.

— טאַקע.

אַף מאָרגן, אַז די געזיגענע סאָלדאַטן האָבן זיך געטראָפן מיט זייער גענעראַל און געזען, אַז זיין פּנים איז גאַנץ, און שום רעץ, זיינען זיי געוואָרן בייז.

— אַט האָסטו איט, דעם גענעראַל. איבער איט האָט מיך די מאַמע געכמן געהאַלטן א גאַנצן טאָג אין שטוב.

— און אַף מיר האָט דער טאַטע זיך גוט אָנגעבייזערט.

— און איך האָב זיך געשעמט און שול די אויגן אויפצוהייבן.

— וועמט מיין פּנים? עס איז אינגאַנצן צעריסן.

— לאָמיר אים אָנלערנען, דעם גענעראַל.

— מען דאַרף אים די ביינער ברעכן.

די קינדער האָבן זיך אַלע צונויפגענומען און צוגעלאָפן צו זייער גענעראַל און אים אָנגעהויבן שלאָגן.

— נאָ דיר א מילכאָמע.

— נאָ דיר א גענעראַל.

— דאָ האָסטו פאַר מיין צעריסענע באַק.

— און דאָס איז פאַר מיינע צעפּליקטע הויזלעך.

דער געוועזענער גענעראַל יאַנקל וואָלט נאָך געקראַנן, אָבער א פאָר מענטשן האָבן אים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט און אים געלאָזן אַנטלויפן.

דעם מאטאָרמאנס יינגעלע

וועלוועלעס מאטע איז א מאָטאָרמאַן פון א טראַמוויי און ער פאָרט א גאנצן טאָג הין און צוריק פון ווישא אורקיסא קיין פלאַסא מאושאַ, און פון פלאסא מאושאַ קיין ווישא אורקיסא.

וועלוועלע וואוינט אף א גאס נאָענט פון דער טראַמוויי-ליניע און יעדן טאָג, ווען ער קומט אהיים פון שולע, טוט ער זיך שנעל איבער, עסט עפּעס אָפּ און לויפט אף דער סקינע זען דורכפאָרן זיין טאטן.

דער טאטע זיינער, יאנקל, ווייסט שוין, אז זיין אינגעלע וואַרט אף אים און ווען ער דערנענטערט זיך צו דער סקינע, הויבט ער אָן פאָרן לאנגזאמער און קלינגט —

— טאלאן, טאן, טאלאן!

וועלוועלע לויפט באלד אנטקעגן דעם טראַמוויי מיט א פרייד און שרייט:

— טאטע!..

— זונעלע!..

— וואָס מאכסטו?

— די לערערקע האָט מיר אויפגעשריבן אפן העפט „זייער גוט".

— אזוי! — זאָגט דער טאטע צופרידן און וואַרפט אראָפּ זיין אינגעלע א שקאָרמיצל מיט צוקערקעס.

וועלוועלע כאַפּט דאָס שקאָרמיצל און לויפט נאָך דעם טראַמוויי.

— א דאנק! טאטע, ווען קומסטו?

— אכט אזייגער.

— צום ווידערזען!

— צום ווידערזען!

דער טראַמוויי הויבט אָן פאָרן שנעל און וועלוועלע לויפט אים

נאָך א שטיקל וועגס, פּאַבנעט אין דער לופטן מיט זער האַנט און באַלד לויפט ער אהיים מיט א סימכע:

— מאַמע! איך האָב געזען דעם טאַטן.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט זי.

— ער האָט מיר אראָפּגעוואָרפן א שקאַרמיצל מיט צוקערקעס.

— עס נישט אויף אלע מיט אמאָל.

— ניין, איך וועל באַהאַלטן אויף שפּעטער אויך.

וועלוועלע נעמט אריין אין מויל צוויי צוקערקעס אויף אמאָל און פאַטשמאַקעוועט זיך.

— נומע צוקערקעס.

אין א פּאָר מינוט ארום, לויפט וועלוועלע ארויס פון שטוב.

— וואוהין לויפסטו שוין ווידער? — שרייט אים נאָך די מאַמע.

— אויף דער סקינע, זע דעם טאַטן צוריקפאָרן.

די מאַמע איז אביסל צופרידן, וואָס וועלוועלע ברענגט איר אלע מאָל א גרוס פון טאַטן, ווייל זייט עס איז פאַרגעקומען אן אקצידענט מיט א טראַמוויי און א מאָטאָרמאַן איז שטארק צעקלאַפּט געוואָרן, איז זי זייער אומרואיק און דערפאַר אַרט איר נישט וואָס וועלוועלע לויפט אלע מאָל אויף דער סקינע.

אין גאַס שטייט בערעלע און ווען ער דערזעט וועלוועלען לויפן, שרייט ער אים נאָך:

— לויפסט אויף דער סקינע, זען דיין טאַטן?

— יאָ!

— נעם מיך מיט.

— וויל איך נישט.

— וואָס וועט דיך אַרן?

— עס איז נישט דיין טאַטע.

אויף דער סקינע וואַרט וועלוועלע לאַנג-און ווען ער דערזעט פון ווייטן א טראַמוויי, לויפט ער אים אנטקעגן און בלייבט אָפּגענאַרט.

— דאַן כּואַן! — שרייט ער צום מאָטאָרמאַן — מיין טאַט[e]
פאָרט באַלד דורך?

דאַן כּואַן קען וועלוועלען און ער שמייכלט.

— יאָ, איינגעלע, מיטן פערטן טראַמוויי פאָרט דיין טאַטע.

אַז וועלוועלע קערט זיך אום אויף דער סקינע, טרעפט ער דאָרט
בערעלען, מיט נאָך קינדער פון דער קוואָדרע און ער ווערט ברוגז.

— וואָס זיינט איר געקומען?

— גלאַט אַזוי — זאָגן די קינדער און לאַכן.

— גייט אַהיים.

— ווילן מיר נישט.

— ס'איז נישט אייער טאַטע.

— אָבער וואָס אַרט דיך — בעט זיך בערעלע.

וועלוועלע ווערט נאָך בייזער און טוט בערעלען אַ שטויס.

— געדענק, איך וועל דערציילן דיין טאַטן — סטראַשעט איב[e]
בערעלע.

— דערצייל.

די קינדער רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט און איין איינגעלע זאָגט:

— קוק אים נאָר אָן, ער שטייט אין גרויסן...

— איך וועל שוין זאָגן מיין טאַטן, אַז ער זאָל אויך ווערן אַ
מאָטאָרמאַן פון אַ טראַמוויי — זאָגט אַ יינגעלע.

— ער האָט דען אַ טראַמוויי?

— ער וועט קויפן.

— בעסער איז אַ גוואַרדאַ — זאָגט בערעלע — אַ גוואַרדאַ
פאַרקויפט די בילעטן און האָט אַ סאַך געלט.

— עמעס. איך בין נעכטן געפאָרן אין טראַמוויי. האָב איך
געזען אַ גוואַרדאַ מיט אַזאַ גרויסן בייטל געלט!

פונדערווייטנס, דערזעט וועלוועלע אָנקומען זיין טאַטן און ער
לויפט אַנטקעגן.

— טאַטע!

— וואָס, זונעלע?

— עס איז געקומען א בריוו פון זיידן.

— זייער גוט.

די קינדער פון דער גאס רוקן זיך ארויס ביזן עק טראטואר און שרייען:

— דאן יאנקל! דאן יאנקל!

דער מאטארמאן קוקט אף די קינדערלעך און שמייכלט א צופרידענער:

— הא! בערעלע, פעלטעלע, מוישעלע, וואס מאכט איר?

וועלוועלע האט מיך געשלאגן — פארמאסערט בערעלע.

— אזוי. ער וועט שוין קריגן.

— ס'אליגן, מאטע, — שרייט וועלוועלע. ער...

— שפעטער, שפעטער — זאגט יאנקל — ווען איך וועל אהיים קומען. אף ווידערזען!

— אף ווידערזען! דאן יאנקל. — שרייען אים אלע קינדער נאך.

וועלוועלע הערט, ווי די קינדער שרייען נאך זיין טאטן „אף ווידערזען" און פאכען מיט די הענט. פארדריסט עס אים און ער שריים:

— ס'איז נים אייער טאטע... וואס ענטפערט איר...

און ער לויפט אוועק צו דער מאמען מיט א געוויין.

א מייסע פון דער פארוויינטער גאס

אף דער פארוויינטער גאס וואוינט א מיידעלע, כאנעלע, כאפט זי זיך אויף איינמאל אינמיטן דער נאכט און הויבט אן וויינען. וואס? זי וויל א באנעלע. זאגט מען איר:

— די געשעפטן זיינען דאך פארמאכט!

— הייט זיי עפענען.

— די מענטשן שלאפן דאך!

— וועק זיי אויף.

לאכט מען פון איר.

— אזא נארעלע!

אבער כאנעלען ארט נישט וואס מען לאכט פון איר און זי וויינט וואס אמאל העכער. ביז זי וועקט אויף אלע שכיינים פון גאס, וועלכע הויבן אן זיך צו בייזערן:

— זאל זיין שטיל! לאז שלאפן!

— מיר דארפן אויפשטיין באגינען צו דער ארבעט...

— וועק מיר נישט אויף דאס קינד. איך האב עס קוים איינגע־שלעפערט.

בעט זיך דער טאטע, די מאמע:

— כאנעלע, הער אויף וויינען. מען וועט דאך אונז ארויס־ווארפן פון דער דירה...

אבער כאנעלע וויינט און וויינט.

טוט זיך דער טאטע אן, גייט ארויס אפן גאס און קלאפט אן באם מענטש וואס פארקויפט באנעלעך.

— ווער איז דארט? — פרעגט דער מענטש פון אינעווייניק.

— ס'איז איך, כאנעלעס טאטע.

— וואס ווילט איר?

— מיין מיידעלע וויינט. זי וויל א באנעלע...

— אזוי! — זאגט דער מענטש — מיין מיידעלע וויינט אויך. זי וויל א צוקערקע.

— וואס זשע טוט מען?

— ברענגט מיר א צוקערקע פאר מיין מיידעלע טערקע, וועל איך אייך געבן א באנעלע פאר אייער מיידעלע כאנעלע.

גייט דער טאטע צום מענטש וואס פארקויפט צוקערקעס און דערהערט דארט אונטערן פענסטער א גרויס געוויין. קלאפט ער אן.

— ווער איז? — פרעגט מען.

— ס'איז איך, כאנעלעס טאטע.

— וואס ווילט איר?

— גיט מיר א צוקערקע פאר א מיידעלע טערקע, וועט זי

איך האָב געבן א באַנעלע פאַר מיין מיידעלע כאַנעלע.

— וואָס איז?

— זי וויינט און לאָזט א נאָס מענטשן נישט שלאָפן.

— אַזוי! — זאָגט דער מענטש — מיין יינגעלע וויינט אויך.

ער וויל א ביכל. ברענגט מיר א ביכל פאַר מיין יינגעלע מיכל. וועל איך אייך געבן א צוקערקע פאַר דעם מיידעלע סערקע און איר האָט װעט אייך געבן א באַנעלע פאַר אייער מיידעלע כאַנעלע.

גייט דער טאַטע צום מענטש וואָס פאַרקויפט ביכלעך און קלאַפט אָן.

— גיט מיר א ביכל פאַר א יינגעלע מיכל. וועט מיר זיין טאַטע געבן א צוקערקע פאַר א מיידעלע סערקע און איך וועל פאַר דער צוקערקע באַקומען א באַנעלע פאַר מיין מיידעלע כאַנעלע.

— וואָס איז?

— זי וויינט.

לאַכט דער מענטש.

— אַזוי! מיין יינגעלע וויינט אויך.

— וואָס וויל ער?

— ער שרייט. איך זאָל אים געבן דאָס, וואָס איך ווייס נישט וואָס...

— אַזוי! — האָט כאַנעלעס טאַטע געזאָגט — דאָס וואָס איך ווייס נישט וואָס קריגט מען דאָך צו קויפן אין אַפּטייק.

אַז דאָס יינגעלע האָט דערהערט, אַז מען רעדט פון אַפּטייק, איז ער באַלד שטיל געוואָרן און כאַנעלעס טאַטע האָט באַקומען א ביכל און אַוועק מיט דעם צום יינגעלע מיכל.

— מיכל! איך האָב דיר געבראַכט א ביכל.

— ששש! — זאָגט מיכלס טאַטע — מיכל שלאָפט שוין. נאָט אייך א צוקערקע און גייט אייך געזונטערהייט.

נעמט דער טאַטע די צוקערקע און קלאַפט אָן באַם מיידעלע סערקע.

— סערקע! אָט האָסטו א צוקערקע.

— ששש! — זאגט סערקעס מאמע, מיין מיידעלע שלאפט שוין.
נאט אייך א באנעלע און גייט אייך געזונטערהייט.
קומט דער טאטע אהיים צו זיין מיידעלע.
— כאנעלע! איך האב דיר געבראכט א באנעלע.
— ששש! — זאגט די מאמע — כאנעלע שלאפט שוין.
דער טאטע האט אוועקגעשטעלט דאס באנעלע פאר כאנעלעס בעטעלע און זיך אויך געוואלט לייגן שלאפן. האט ער אבער דערזען, אז אין דרויסן איז שוין גרויסער טאג, און איז אוועק צו דער ארבעט.

דער בלינדער מילכפירער

איצל האט אפגעטון דער נאט א שפיצל. ער האט זיך אנגעטון א ווייס רעקל און א היטל מיט א גלאנציקן דאשעק און איינגעגאנגען פון שטוב צו שטוב, געקלאפט אין אלע טירן און געשריגן:
— לעמשערא!...
די ערשטע טיר אין וועלכע ער האט אנגעקלאפט איז געווען זיין אייגענע און אלע קינדער פון דער גאס האבן זיך קוים איינגעהאלטן פון געלעכטער. ווען זיי האבן געזען, ווי זיין אייגענע מאמע דערקענט אים נישט און דערלאנגט די ליידיקע פלאש פון מילך מיט צוואנציק סענט.
די צוואנציק סענט האט איצל אריינגעלייגט אין קעשענע און די פלאש האט ער געגעבן זיינע כאווערים צו באהאלטן אונטער דער טיר און באלד צוגעגאנגען צו אן אנדער שטוב און אנגעקלאפט.
— לעמשערא!
די טיר האט זיך געעפנט און א קליין מיידעלע האט אים ארויסדערלאנגט די פלאש מיטן געלט פאר דער מילך און איצל האט שיר אויסגעשאסן א געלעכטער. ווען ער האט דערהערט, ווי די פרוי, וואס איז געשטאנען אין קיך האט געזאגט:

— אונזער זייגער גייט איינגעהאלטן. אז דער מילכפירער איז שוין דא, דארף שוין זיין צוויי אזייגער.

אין אן אנדער שטוב וואו ער האט אנגעקלאפט איז ארויסגעקומען א פרוי מיט א הייס פרעסל אין האנט און זי האט א קוק געטון אף איצלען און געזאגט:

— שוין ווידער א נייער לעטשערא. אליז מאנטיק און דאנערשטיק בייטן זיי די לעטשעראס.

די פרוי האט אים ארויסגעברענגט די פלאש. אים געגעבן צוואנציק סענט און איצל האט געזאגט א גוטן טאג און געגאנגען ווייטער.

אין איין האלבער שא האט איצל צונויפגענומען א פולע קעשענע מיט געלט און א גאנצן בארג פלעשער און ווען ער האט געזען אנקומען דעם עמעסן מילכפירער מיט זיין וועגעלע, האט ער זיך מיט זיין באנדע אוועקגעשטעלט פון ווייטן זען וואס דא וועט זיין. דער מילכפירער האט אנגעקלאפט אין א טיר.

— לעטשערא!

די פרוי, וואס האט מיט א פאר מינוט פריער געגעבן איצלען די פלאש מיט צוואנציק סענט, האט געעפנט די טיר און אנגעקוקט דעם איינגל.

— וואס ווילסטו?

— די פלאש פון מילך.

— ביזט מעשוגע! ביזט דאך נאר וואס דא געווען.

— איר שפאסט, סעניארא...



— נישט איך שפּאַס. נאָר דו שפּאַסט...

דער באָכער קוקט אָן די פרוי פאַרכידעשט און זאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער די פרוי פאַרמאַכט די טיר און וויל מער מיט אים נישט ריידן.

— איך האָב נישט קיין צייט צו פּיינען מיט דיר — זאָגט זי — איך האָב דיר נאָר וואָס געגעבן די פלאַש מיט צוואַנציק סענט און אויב דו געדענקסט נישט, בין איך נישט שולדיק.

דער מילכפירער קלאַפּט אָן אין אַ צווייטער טיר און עס קומט אַרויס אַ קינד.

— וואָס ווילט איר?

— די פלאַש מיטן געלט.

— שוין געגעבן.

די טיר פאַרהאַקט זיך און דער לעטשעראַ גייט ווייטער און קלאַפּט אין אַלע טירן, אָבער אומעטום זאָגט מען אים דאָס זעלבע.

— ביזט דאָך נאָר וואָס דאָ געווען...

אין איין שטוב, האָט זיך דער מילכפירער גענומען אויסטייַנען און זאָגן, אַז עס איז נישט עמעס. ער איז נאָך נישט געווען און נישט גענומען קיין פלאַש און נישט קיין געלט. האָט די פרוי אַרויס־גערופן אַלע אירע זין און טעכטער.

— איר האָט געזען ווי איך האָב געגעבן דעם לעטשעראַ די פלאַש מיט צוואַנציק סענט?

— אוודע האָבן מיר געזען — האָבן אַלע געענטפערט.

— איצט איז ער געקומען און הייסט זיך געבן נאָך א פּלאַטש. די זין מיט די טעכטער האָבן געלאַכט.

— דער באַכער דאַרף זיין שיקער.

דער מילכפירער איז ארויס אפן גאס און געבליבן שטיין א צעטראָגענער.

איצל מיט זיין גאנצע באנדע האָבן געשאַרט צו אים און אים אומשולדיק א פרעג געטון.

— וואָס איז געשען, לעטשעראָ?

— עס האָט עמיצער אָפּגענומען אף דער גאס אלע פלעשער מילך.

— טאַקע? — האָט איצל אויסגעשריגן — וואָס זשע שוייגסטו?

— איך גיי מעלדן אין קאָמיסאריע.

ווען דער לעטשעראָ איז אוועק, האָט איצל אוועקגעשטעלט פאר יעדער טיר א פלאש און וועלכער עס איז געלעגן די צוואנציק סענט און זיך אוועקגעשטעלט אף דער סקינע ווארטן אפן מילכפירער מיטן וויזשילאנט.

— אָבער—געדענקט קינדער — האָט איצל געזאָגט — איר זאָלט גאָרנישט ריידן.

דער מילכפירער איז געקומען מיט א וויזשילאנט און זיי האָבן אָנגעקלאָפּט אין דער ערשטער טיר און געוואָלט אויספרעגן דער פרוי ווער עס איז געווען און ווי אזוי האָט אויסגעזען דאָס יינגל.



וועמען זי האָט געגעבן די פלאַש מיטן געלט. אָבער איידער די פרוי האָט געעפנט די טיר, האָט דער וויזשילאַנט באַמערקט אין ווינקל שטיין די פלאַש.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

דער מילכפירער האָט אַ קוק געטון אַף דער פלאַש און זיך פאַרשעמט.

— איך... איך...

— ביסט בלינד, צי וואָס? — האָט דער וויזשילאַנט געפרעגט אַ בייזער.

— ניין... איך...

— וואָדען? האָסט געוואָלט כויזעק מאַכן פון פאָליציי?

דער וויזשילאַנט איז צוגעגאַנגען מיטן מילכפירער צו אַ צוויי-טער שטוב און צו אַ דריטער. אַ פערטער און אומעטום האָבן זיי געטראָפן פאַר דער טיר די ליידיקע פלאַש מיט צוואַנציק סענט.

דער וויזשילאַנט [illegible]עוועץ אויפגעבראַכט.

— ניט אַנדערש, דו [illegible]ט בלינד — האָט ער געזאָגט.

ווען דער מילכפירער האָט צונויפגעשלעפט די פלעשער און זיי אַ[illegible]געטראָגן אַפן וועגעלע, האָט אים איצל מיט זיין באַנדע אויפ-גענומען מיט גרויס געלעכטער.

— דער לעטשעראָ איז אַ בלינדער.

ווייסט זשע אַלע קינדער.

דער לעטשעראָ איז אַ בלינדער.

דער מילכפירער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן און ביז היינט ווייסט ער נישט, צי ער האָט טאַקע די פלעשער נישט געזען, אָדער עס האָט אים עמעץ אָפּגעטון עפּעס אַ שפּיצל.

וואו עס שטייט דיין בעטעלע

בערעלעס עלטערן האבן זיך איבערגעצויגן אין א נייער דירע אף אן אנדער גאס. באלד אינדערפרי, איז געקומען א גרויסער קאַמיאָן, פארנומען די שאפע, די שטולן, דעם טיש, די בענקלעך, דאס בעט און אלץ וואס ס׳איז געווען אין שטוב און אוועקגעפירט זיי ווייט, ווייט אף א גאס, וואו ער איז נאך קיינמאל נישט געווען.

בערעלע האט אויך צוגעהאלפן ארויסטראגן אלץ פון שטוב; ער האט ארויסגעשלעפט די בארשט, דעם בעזים, דעם טאַטנס רענדשירם, דער מאַמעס שיך און זיינע שפילעכלעך.

די שפילעכלעך זיינע האט ער נישט געלאזט קיינעם אנרירן. ער אליין האט זיי מיטגענומען מיט זיך אין דער נייער דירע אריין.

בערעלע האט געוואלט מיטנעמען אויך דאס בעטעלע זיינס, אבער דאס האט ער נישט געקענט. דאס בעטעלע איז שווער, עס איז אן אייזערנס.

אין דער נייער דירע האט ער צוגעהאלפן אלץ צונויפשטעלן און דערלאנגט אלעמאל עפעס אנדערש דער מאַמען. דעם טאַטן און געווען זייער צופרידן.

— בערעלע — האט אים דער טאַטע געפרעגט — די נייע דירע געפעלט דיר?

— יאָ.

— בערעלע, וואלסט געוואלט מען זאל זיך אלע טאָג איבערציען אין אן אנדער דירע?

— יאָ.

פארנאכט איז בערעלע ארויס פארט אפן גאס און באלד געקרמען צוריק צולויפן מיט א געוויין.

— וואָס איז?

— נישטאָ יאַנקעלע, נישטאָ קאַרליטאַס, כאַנעלע, בערטיטאַ, כייעלע.

— אָבער עס זיינען דאָך דאָ אַנדערע קינדערלעך.

— זיי ווילן זיך נישט שפּילן מיט מיר!

נעמט די מאַמע אָן בערעלען פאַר אַ הענטל און פירט אים אַרויס אויפן גאַס.

— קינדערלעך, טייערינקע — זאָגט זי — אָט האָט איר דאָך אַ ניי כאַווערל, אַ שיינס.

— ווי הייסט ער? — פרעגן די קינדערלעך.

— בערעלע.

— בערעלע שערעלע! — זאָגט איין אינגעלע — קום נאָר אַהער רעלע, האָסט עפּעס שפּילעכלעך?

— אַ טאַך — זאָגט בערעלע.

— אַ קאַטשעלע האָסטו?

— איך האָב אַ קאַטשעלע און האָב גלעזערנע קייקעלעך; איך האָב אַ פידעלע, אַ קאַטשקעלע, צוויי זעלנערלעך, און אַן אַלבום מיט מענטשעלעך אויך.

האָבן די קינדערלעך דאָס דערהערט האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן שפּילן זיך מיט אים.

שפּעטער, אַז די מאַמע האָט בערעלען אַריינגעפירט אין שטוב, האָט ער זיך אומגעקוקט און ווי נאָר ער האָט דערזען זיין בעטעלע, האָט ער זיך צעוויינט.

— איך וויל אַהיים שלאָפן!

— וואָס רעדסטו, קינדעלע, דאָ איז דאָך דיין היים.

— ניין! דאָרטן איז מיין היים...

— דאָ שטייט דאָך דיין בעטעלע.

— טראָג עס צוריק!..

לאכט די מאמע, און זי טוט בערעלען אויס און זינגט אים א לידעלע:

שלאף מיין יינגעלע, בערעלע,
רעטעלע, רימעלע, רוים,
וואו עס׳שטיים דיין בעטעלע,
דארטן איז דיין היים.

זיי ווארטן אף טשאפלינען

דער מענטש, וואס האט אף דער פלאזשע א קארוסעל, קומט איינ־מאל צוגיין אין אן אוונט, שטעלט אן דעם שפילקאסטן, לאזט אין גאנג די קארוסעל און זעצט זיך אוועק ווארטן אף די קינדער.

זיצט ער, דער מענטש, פינף מינוט, צען מינוט און זעט, אז קיינער קומט נישט. וואונדערט ער זיך.

— וואס איז געשען?

טראכט ער, דער מענטש: כ׳ווייס, עפשער איז שוין די קינדער נימעס געווארן די קארוסעלע און זיי פארווילן זיך מיט אנדערע זאכן?

הויבט ער זיך אויף און גייט צו צו די שיפעלעך און זעט, אז

זיי זיינען אויך לײדיק און דער מענטש שטייט און קלינגט און רופט און קיינער קומט נישט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט ער אים.

— כ׳ווייס. עפשער איז נאָך פרי? — זאָגט דער מענטש פון די שיפעלעך און טוט א קוק אפן זייגער.

אָבער דער זייגער איז שוין געווען אַכט און ביידע האָבן זיך

נישט געקענט דערקלערן פאַרוואָס מען זעט נישט קיין מענטשן.

— מען דאַרף כאַפּן א קוק צו די עראָפּלאַנען — זאָגן זיי — עפשער איז שוין די קינדער נימעט די שיפעלעך מיט די קאַרוסעלעס?

קומען זיי צו די עראָפּלאַנדלעך, זעען זיי, אַז דאָרט איז אייך קיינער נישטאָ. דער מענטש טרובעט און רופט. אָבער קיינער קומט נישט און די עראָפּלאַנדעלעך פליען אלע ליידיק.

— וואָס קען דאָס זיין? — פרעגן זיי זיך.

— עס איז דאָך נישט צו פאַרשטיין.

— עפשער איז אמאָל דאָס וועטער שולדיק?

אלע דריי הו[illegible] דעם קאָפּ אין דער הײך און זעען, אַז דער הימל איז לויטער א[illegible]יין.

— די מייסע איז נישט פראָסט — זאָגן זיי — מען דאַרף גיין אין שטאָט אריין געוואויר ווערן וואָס איז געשען.

גייען זיי אלע אין שטאָט אריין און קלאַפּן אָן אין דער ערשטער טיר.

— דאָ וואוינט אַ מיידעלע?

— א ייִנגעלע.

— שיקט אים ארויס. מיר ווילן אים עפּעס פרעגן.

— ער איז נישטאָ. ער איז אַוועק אין קינאָ.

— וואָס עפּעס?

— עס שפּילט קאַרליטאָס טשאַפּלין.

די מענטשן גייען ווייטער און קלאַפּן אָן אין א צווייטער טיר:

— דאָ וואוינט אַ ייִנגעלע?

— א מיידעלע.

— וואו איז זי?

— אין קינאָ.

— וואָס עפּעס?

— עס שפּילט קאַרליטאָס.

גייען זיי און קלאַפּן אָן אין אַ דריטער טיר.

— דאָ וואוינט א ייִנגעלע, צי א מיידעלע?

— דאָ וואוינט אי א ייִנגעלע, אי א מיידעלע.

— וואו זיינען זיי?

— אין קינאָ. עס שפּילט קאַרליטאָס טשאַפּלין...

הערן זיי, די מענטשן, אזא מייסע, דערשרעקן זיי זיך.

— שלעכט — זאָגן זיי — אויב דער קאַרליטאָס וועט שפּילן אלע טאָג, וועלן די קינדער נישט קומען אויף דער פּלאַזשע.

— וואָס זשע טוט מען?

— מען דארף ריידן מיט אים. גיבן אים צו פארשטיין.

— איך וואלט אים באצאלט, אז ער זאל קומען אף דער פלאושע א'ן פארן אף מיין קארוסעלע.

— און איך אויך.

און די מענטשן באשליסן גיין אין קינא וואו עס שפילט קארליטאס טשאפלין און ריידן מיט אים.

געקומען אין קינא, פרעגן זיי דעם מענטש וואס שטייט בא דער טיר.

— קארליטאס טשאפלין איז דא?

— יא.

— מיר ווילן עפעס ריידן מיט אים.

לאכט ער, דער מענטש, און זאגט:

— ווארט דא אונטער, נאך דער פארשטעלונג. ווען ער וועט ארויסקומען, וועט איר קענען רייז'ן מיט אים.

— און אריינגיין אינעווייניק קען מען נישט?

— ניין.

שטייען זיי, די מענטשן, און ווארטן, ווארטן און זעען אז מ'האט שוין לאנג אפגעשפילט און עס איז שוין קיינער נישטא און טשאפלינען זעט מען אלץ נישט. און זיי פרעגן זיך.

— וואס איז דאס! וואו איז דער קארליטאס?

— נעכטיקט ער נישט אמאל אין קינא?

וואו די וועלט האט אן עק

גרויסע מענטשן זיצן און ריידן. לייגט גאלדעלע צו אן אויער און הערט ווי איינער זאגט צו איר טאטן:

— ער איז שוין געווען וואו די וועלט האט אן עק.

איז גאלדעלע טשעקאווע און פרעגט:

— ווער?

זאגט מען איר:

— לעקיש־בער.

— וואסער לעקיש־בער?

— דער וואס גייט אהין און אהער.

פרעגט גאלדעלע:

— וואו געפינט מען אט דעם לעקיש־בער, וואס גייט אהין און אהער?

ענטפערט מען איר ניט.

גייט גאלדעלע אום און טראכט:

— ווען איך פאק אט דעם לעקיש־בער, וואס גייט אהין און אהער, שטיי איך צו צו אים ווי א קלעק, אז ער זאל מיר זאגן, וואו די וועלט האט אן עק.

איינמאל, שפילט זיך גאלדעלע מיט קינדער אף א פלאסע, זאגט איין יינגעלע:

— כאווײרים! איך־בין א וויזשילאנט.

צעלאכט מען זיך.

— דו ביזט נישט קיין וויזשילאנט.

— וואס דען בין איך? — פרעגט דאס יינגעלע.

— א לעקיש ביזהו.

דערהערט עס גאלדעלע, לויפט זי צו צום יינגעלע מיט א פרייד.

— מאקע! דו ביזט עס דער לעקיש?

— נאך א מין לעקיש! — זאגן די קינדער — א לעקיש, וואס רעדט גרעקיש.

— אויב אזוי — זאגט גאלדעלע צום יינגעלע — דארפסטו דאך וויסן, וואו די וועלט האט אן עק?

לאכט ער, דאס יינגעלע, און זאגט:

— א לעקיש ביזטו אליין, און וואו די וועלט האט אן עק, ווייסט דער גרעק.

גייט גאלדעלע צום גרעק און בעט זיך:

— גרעק! גרעק! זאג מיר, וואו די וועלט האט אן עק?

— וואס דארפסטו עס וויסן?

— גלאט אזוי.

לאכט דער גרעק און זאגט:

— דארט איבער די בערג, איז דא א טערק, איז ער ווייסט.

גייט גאלדעלע אף יענער זייט בערג און טרעפט דעם טערק, וואס זיצט מיט א רויטער פעסקע אפן קאפ און נייט זיך אן אף דער קעשענע א קנאפ. פרעגט זי אים:

— טערק פון די בערג, זאג מיר, וואו די וועלט האט אן עק?

— וואס דארפסטו עס וויסן? — פרעגט דער טערק בייז.

— איך דארף עס וויסן, ווייל דארט וואוינט מיין פעטער ניסן.

דער טערק שווייגט און וויל נישט זאגן.

ווערט גאלדעלע בייז, כאפט אראפ דעם טערק די פעסקע פון קאפ, רייסט אים אפ דעם קנאפ און זאגט:

— אויב דו זאגסט מיר נישט וואו די וועלט האט אן עק, ווארף איך דיר די פעסקע אוועק.

ווערט ער ווייכער, דער טערק, און זאגט:

— וואו די וועלט האט אן עק, וואוינט איינער א שנעק און אז מען דערזעט אים, כאפאלט א שרעק. און אויב דו ווילסט צו אים גיין, איז ביטע שיין.

גאָלדעלע וואַרפט צוריק די פּעסקע דעם טערק, קריכט צוריק אריבער די בערג און לויפט אַהיים.

פון דעמאָלסט אָן טראַכט גאָלדעלע, אַז ווען זי וועט זיין א לעקיש־בער און נישט בוירע האָבן פאר דעם שנעק וואָס וואַרפט אָן אף אלעמען א שרעק, וועט זי גיין וואו די וועלט האָט אַן עק.

דער העלפאַנט, וואָס האָט זיך אָפּגעשניטן די נאָז

דער העלפאנט האָט געזען, אַז אַלע חייעס פון וואלד לאַכן פון אים און פון זיין לאנגע נאָז. האָט ער איינמאָל גערופן צו זיך דעם פוקס און אים געזאָגט:

— ברודער פוקס, דו ביזט דאָך עפּעס א קלוגער. איז גיב אַן אייצע, ווי אזוי ווערט מען פּאַטער פון מיין לאנגער נאָז?

דער פוקס האָט געוואָלט פּראָווען מיטן העלפאנט א שפּאָס, האָט ער אים געזאָגט:

— דערצו איז דאָ איין אייצע.

— וואָס פאר אַן אייצע?

— זיך לאָזן אָפּשנידן די נאָז.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט דער העלפאַנט זיך אויך אַ צאַפּל געטון.

— וואָס רעדסטו! דאָס דאַרף דאָך שרעקלעך וויי טון...

דער פוקס האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס פאַלט דיר איין! דו טיפּשׁ. אַז נאָר דו ביסט געבוירן געוואָרן מיט אַזאַ נאָז? אַלע כייעס אין וואַלד האָבן געהאַט אַזעלכע לאַנגע טראָמבעס ווי דו. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז עס איז נישט שיין, זיינען זיי אַוועק צו אַ דאָקטער און זיך געלאָזט די נעז אָפּשניידן.

— טאַקע? — האָט זיך דער העלפאַנט געבידעשט — איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט.

— איך — האָט דער פוקס ווייטער אָנגעצויגן דעם העלפאַנט — האָב אויך געהאַט אַזאַ לאַנגע נאָז און דער לייב און דער בער אויך.

און ווען מיר שניידן זיך נישט אָפּ די נעז, וואָלטן זיי שוין היינט געווען דריי קילאָמעטער די לענג.

— הייסט עס, אַז די נאָז וואַקסט?...

— געוויס. אויב דו וועסט זי באַצייטנס נישט אָפּשניידן, וועט זי אויסוואַקסן אַזוי גרויס, אַז דו וועסט זי נישט האָבן קיין קויעך צו דערשלעפּן.

אַז דער העלפאַנט האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער שוין קיין סאַך נישט געקלערט און אַוועק אין אַ שפּיטאָל, וואו ער האָט

זיך געלאָזט אָפּשניידן די נאָז און באַלד גענומען צולויפֿן אין וואַלד מיט א געדולע.

— כאַווירים! — האָט ער געזאָגט — ווי געפֿעל איך אייך?...

— ווער איז די באַשעפֿעניש? — האָט געפֿרעגט דער לייב.

— עפּעס א נייע כייע אַראָפּגעיאָגעט זיך — האָט א ברום געטאָן דער בער.

— עפּשער א שפּיאָן? — האָט געפֿרעגט דער וואָלף און א בליץ געטאָן מיט זיינע שאַרפֿע ציין.

— וואָס רעדט איר, כאַווירים. — האָט דער העלפֿאַנט געזאָגט. — איר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך אייער קאָלעגע, דער העלפֿאַנט...

— דער העלפֿאַנט! — האָבן אַלע זיך איבערגעקוקט פֿאַרכידעשט — און וואו זשע איז דיין נאָז?

— איך האָב זי געלאָזט אָפּשניידן. איר ווייסט דאָך, אַלע האָבן געלאַכט פֿון מיר...

אָבער די כייעס אין וואַלד האָבן אים נישט געגלויבט און געזאָגט, אַז א העלפֿאַנט אָן א נאָז איז קיין העלפֿאַנט נישט.

— איינס פֿון די ביידע — האָבן זיי געזאָגט — ביזטו א העלפֿאַנט, דאַרפֿסטו האָבן א לאַנגע נאָז; — האָסטו נישט קיין לאַנגע נאָז, — ביזטו קיין העלפֿאַנט נישט און אַז דו ביזט נישט קיין העלפֿאַנט, איז ווער זשע ביזטו? קיין בער נישט, קיין לייב נישט, קיין טיגער און קיין וואָלף אויך נישט. איז אויב אַזוי, וואָס טוסטו דאָ?

און דער לייב האָט געפּאַסקנט, אַז דער העלפֿאַנט טאָר זיך נישט ווייזן אין דער ליכטיקער שיין, ביז ער וועט נישט האָבן קיין נאָז.

איצט, זיצט דער העלפֿאַנט אין א פֿינצטערער גרוב און וואַרט, אַז עס זאָל אים אָנוואַקסן א נייע נאָז.

מוישעלע מיטן קוישעלע

פאראן אין בוענאס איירעס א ייִנגעלע מוישעלע. ליגט ער שטענדיק אין א קוישעלע צוגעדעקט מיט א טישטעכל.

פארוואס? ווייל ער איז זייער א שרעקעוודיקער. אז ער זעט א פרעמדן מענטשן, האט ער מוירע. און אז ער הערט א גערויש פון אן אויטאמאביל, צי פון א טראמווי, באהאלט ער זיך. און אז א קאץ מיאוקעט אפן גאס, הויבט ער אן ציטערן.

איינמאל גייט זיין מאמע אין מערקאדע אריין קויפן עסן. הויבט ער אן וויינען.

— איך וויל נישט זיין אליין אין שטוב!

— פארוואס?

— טאמער מיוקעט א קאץ!

— א קאץ טוט גארנישט.

— א פליג קען זיך נאך אוועקשטעלן אף מיין נאז און אפבייסן א שטיקל.

זעט זיין מאמע, אז ער איז א נארעלע, לייגט זי אים אריין אין קוישעלע, דעקט אים גוט איין מיט א טישטעכל און נעמט אים מיט אין מערקאדע אריין.

אפן וועג הערט מוישעלע א גערויש פון אויטאס און טראמווייען און ער הויבט אן ציטערן.

— מאמע! דעק מיך גוט איין, איך האב מוירע...

דעקט אים די מאמע גוט איין.

— האלט שטארק דאס קוישעלע, איך זאל נישט ארויספאלן.

די מאמע האט געזיפצט און געלאכט.

— אי, ביסטו א נארעלע!

איינמאל, הערט מוישעלע, אז עס איז דא א גארטן מיט אלערליי כייעס, וועלכע אלע ייִנגעלעך ליבן זען, בעט ער זיך בא דער מאמען, זי זאל אים אויך מיטנעמען אהין.

— וועסט דאך האבן מירע — זאגט אים די מאמע.

— וועסטו מיך אריינלייגן אין קוישעלע.

— די כייעס וועלן דאך קוקן אף דיר.

— וועסטו מיך צודעקן מיט א טישטעכל.

די מאמע האט אים געפאלגט. אריינגעלייגט אין א קוישעלע און געגאנגען מיט אים אין גארטן צו די כייעס. אבער ווי נאר מוישעלע האט דערהערט דעם ערשטן ברום פון א לייב, האט ער אנגעהויבן שרייען:

— מאמע! קום אהיים. די כייעס זיצן אין קאעס...

זיפצט די מאמע און פרעגט:

— אין קינא ווילסטו גיין?

— גוט.

גייט מיט אים די מאמע אין קינא. וואו עס זיינען דא אסאך קינדער, וועלכע לאכן און קוועלן פון די שיינע בילדער. אבער מוי-שעלע לאכט נישט. ער ליגט אין קוישעלע און האט מוירע אפילע א קוק צו טון.

זעט די מאמע, אז איר ייִנגעלע איז א נארעלע, גייט זי אהיים, שטעלט אוועק דאס קוישעלע מיטן מוישעלע הינטערן בעט און זאגט:

— ליג דא, מוישעלע, ביז דו וועסט ווערן עלטער און קליגער.

א ציגל אריין און א ציגל ארויס

דעם קייסער פון כינע איז איינמאל געווען שטארק אומעטיק. האט ער גערופן צו זיך זיין ערשטן מיניסטער און אים באפוילן פאר־לייענען אים די צייטונגען.

אין יענעם טאג, איז אין דער הויפטשטאט געווען א גרויסע סרייפע און הונדערטער מענטשן זיינען געבליבן אן א דאך איבערן קאפ. און ווען דער מיניסטער האט פארגעלייענט פארן קייסער די שוידערלעכע פראטים פון דער סרייפע, האבן זיך אין קייסערס אויגן באוויזן טרערן.

— ארעמע בירגער מיינע! — האט ער געזאגט.

דער קייסער איז געווען זייער א גוטער און די געשעעניש האט געמאכט אף אים א שרעקלעכן איינדרוק; ער האט א גאנצן טאג ארומגעשפאצירט איבער זיינע הונדערטס גרויסע און ליידיקע צימערן און אלץ געפרעגט:

— אבער וואו וועלן די מענטשן שלאפן?...

אז דער מיניסטער האט געזען, אז דער קייסער נעמט זיך שטארק צום הארצן, האט ער געזאגט:

— ס'איז נישט פיין פון די בלעטער, וואס זיי שרייבן וועגן סרייפעס, דער קייסער האט דערפון אגמעס נעפעש...

און ער האט גלייך געשיקט א באפעל צו אלע צייטונגען פון לאנד, אז זיי זאלן מער וועגן סרייפעס נישט שרייבן.

אז דער קייסער האט זיך דערוואוסט פון באפעל, האט ער שטארק געלויבט דעם מיניסטער.

— גוט האסטו געטון — האט ער געזאגט — דאס הארץ גייט מיר אויס פון ראכמאנעס, און סיי איך, סיי דאס פאלק, האבן גרויס אגמעס נעפעש דערפון...

— ריכטיק — האָט דער מיניסטער געזאָגט — די רייד פון קע־ניג זיינען שטענדיק קלוגע.

— אַבוין דעם. פאַרטאָפּט דאָס אונזער לאַנד אַ שלעכטן נאָמען אויף דער וועלט. מען זאָגט, אַז אונזערע הייזער זיינען שלעכט גע־בויט און אונזערע פייערלעשער זיינען טויגעניכטן און דאָס פאָלק קען שוין נישט שלאָפן רואיק...

— עמעס — האָט געזאָגט דער ערשטער מיניסטער — האָניק טריפט פון דיין מויל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט דער קייסער זיך ווידער געלאַנג־ווייליקט און געהייסן זיך לייענען נייעס פון די צייטונגען און זיך דערוואוסט, אַז אין איינער פון זיינע פּראָווינצן, איז פאָרגעקומען אַ גרויס פאַרטרינקעניש און הונדערטער מענטשן, צווישן זיי אַסאַך פרויען און קינדער, זיינען אומגעקומען.

דער קייסער איז געוואָרן טרויעריק און אין זיינע אויגן האָבן זיך ווידער באַוויזן טרערן.

— אַזאַ אומגליק! — האָט ער געזאָגט.

דער קייסער האָט דעם טאָג זייער קנאַפּ געגעסן און באַם טיש קעסיידער געזיפצט:

— וואָס טוען, נעבעך, די אַלמאָנעס און יעסוימים! ווער גיט זיי אַ לעפל וואַרעמס?... אַ שטיקל ברויט?...

האָט דער ערשטער מיניסטער געזען, אַז דער קייסער ליידט, נעבעך, האָט ער געזאָגט:

— נישט גוט פון די ציימונגען, וואס זיי שרייבן פון פארטריג־קענישן, דער קייסער האט אגמעם נעפעש און פארלירט דעם אפעטים...

און ער האט באלד צעשיקט צו אלע ציימונגען א באפעל, אז פון היינט אן און ווייטער, טארן זיי וועגן קיין פארטרינקעניש נישט שרייבן.

אז דער קייסער האט זיך דערוואוסט וועגן באפעל, האט ער הארציק געדאנקט זיין ערשטן מיניסטער און געזאגט:

— גוט האסטו געטון, מיין טרייער דינער, צו וואס דארף מען איבערשרעקן די איבעריקע איינוואוינער בא די ברעגן? אבוין דעם, איז דאס פאר אונז נישט שיין, מען וועט זאגן אף דער וועלט, אז מיר קענען נישט פארהיטן דאס לעבן און פארמעגן פון אונזערע בירגער און אז אונזערע בריקן זיינען נישט קיין זיכערע און אונ־זערע דאמבעס און קאנאלן טויגן נישט...

אין א פאר טעג ארום איז אין יענעם לאנד פארגעקומען אן ערדציטער און ווען דער קייסער האט זיך געהייסן לייענען די ציי־טונגען און זיך דערוואוסט, אז טויזנטער מענטשן זיינען געבליבן אן א היים און ליידן הונגער, גוים און קעלט, האט ער זיך אזש אנגעכאפט באם הארצן און פאר גרויס אגמעס נעפעש זיך אפגע־זאגט צו טרינקען זיין טיי.

האט דאס דער מיניסטער געזען, האט ער באלד באפוילן אלע ציימונגען נישט צו שרייבן אויך וועגן קיין ערדציטערנישן.

דער קייסער האט ווידער געדאנקט זיין ערשטן מיניסטער.

— גוט האסטו געטון — האט ער געזאגט — איך וועל הייסן דיר געבן א מעדאל פאר דיין געטריישאפט. טאקע, צו וואס שרייבן פון אזעלכע זאכן? די וועלט וועט באלד זאגן, אז אונזער לאנד איז פול מיט סאקאנעס און קיינער איז דא נישט זיכער מיטן לעבן.

אז די ציימונגען האבן באקומען דעם באפעל נישט צו שרייבן אויך וועגן קיין ערדציטערנישן, זיינען זיי געווען זייער פארצווייפלט און די שרייבער האבן זיך געפרעגט:

— ווענן וואס זשע שרייבט מען?

— שרייבט — האט זיי דער מיניסטער געזאגט — ווענן פריי־לעכע זאכן.

האבן די שרייבער זיך ארויסגעלאזט איבערן שטאט און גע־זוכט פריילעכע נייעס און נישט געפונען: זיי האבן אומעטום געזען נויט און ליידן און זיך געטראפן מיט קראנקע, בלאסע קינדער וואס האבן געריסן די מאמעס פאר די פאלעס און געבעטן ברויט.

אף מארגן, האבן די שרייבער דאס אלץ דערציילט אין בלאט און געזאגט:

— כא, כא, כא, דאס כינעזישע פאלק איז הונגעריק!... כי, כי, כי די קינדער ווילן ברויט!... כא, כא, כא, טויזנטער ארבעטער האבן נישט קיין העמד אפן לייב!...

אז מען האט דעם קייסער איבערגעלייענט די באשרייבונג, האט ער זיך א כאפ געטון פארן קאפ.

— אזוי ווייטער קען עס נישט גיין — ~~האט ער געזאגט~~ — די צייטונגען וועלן מיר דאס הארץ אפעסן.

— וואס זשע זאל איך ט'ן, ליכטיקער הערשער — האט דער מיניסטער געפרעגט — ארויסגעבן נאך א באפעל?

דער קייסער האט א מאך געטון מיט דער האנט.

— עס איז ווייניק. מען דארף אוועקשטעלן נעבן יעדן שרייבער א סאלדאט מיט א ביקס און אים הייסן אכטונג געבן, אז מען זאל נישט שרייבן קיין שום זאך וואס קען פארשאפן דעם קייסער הארצווייטיק.

דער מיניסטער האט אזוי געטון און אף מארגן איז שוין אתטער יעדן שרייבערס פּליצע געשטאנען א זעלנער מיט א ביקס און אים ארייננעקוקט אין פּאפּיר.

אף מארגן, האבן די ציימונגען דערציילט וועגן א מאניפעסטאציע פון ארבעטער, וואס האבן געפאדערט ברויט און שטארק אטאקירט די פאליציי, וואס האט אף די ארבעטער געשאסן און הונדערטער פון זיי פארשפארט אין די טורמעס.

דער קייסער איז אויפגעבראכט געווארן.

— זיי וועלן מיך טרייבן אין דרערד אריין, אט די בלעטער...

און ער האט גלייך געלאזט רופן די זעלנער.

— פארוואס האב איך אייך אוועקגעשטעלט אונטער די שרייבערס פּליצע? — האט ער זיי געפרעגט.

— מיר זאלן זיי נישט לאזן שרייבן קיין שום זאך, וואס קען דעם קייסער פארשאפן אגמעס נעפעש.

— וואס די בלעטער האבן היינט געשריבן, זייסט איר?

— ניין, מיר קענען נישט לייענען — האבן די סאלדאטן געזאגט.

דער קייסער איז אויפגערעגט געווארן, אבער באלד האט ער זיך בארואיקט.

— בעסער — האט ער געזאגט — האלעווייי וואלטן אלע בירגער נישט געקענט לייענען...

דער קייסער האט א ווײַלע געטראכט און דערנאך געזאגט:

— איך האב א פּלאן.

— וואסער פּלאן? — האט דער ערשטער מיניסטער געפרעגט.

— מען זאל צונעמען אלע טינטערס פון כינע און אוועקשטעלן בא מיר אין הויף איין גרויסן טינטער און יעדער שרייבער, יעדער בירגער, וואס וועט וועלן עפּעס שרייבן, זאל קומען צו מיר אין הויף איינטונקען זיין פעדער...

אסאך, אסאך יארן זיינען שוין פון דעמאלט אן אוועק. אבער,

דער געזעגן האלט נאך אלץ דארט אן. און יעדער שרייבער טונקט זיין פעדער אין קעניגס טינטער און שרייבט אונטער דער אויפזיכט פון זיין מאיעסטעט, דעם קעניג. וואס שטייט אליין הינטער יעדנס פלייצע און קוקט אריין אין פאפיר, וואס מען שרייבט און אז איינער פארטראכט זיך אמאל און ווייסט נישט וואס צו שרייבן, זאגט אים דער קייסער אליין אונטער א ווארט, א געדאנק, וואס ער האט שוין גרייט אין מויל פון דאר הויזעס...

שפּאַנישע ווערטער:

פלאַסע — בולוואַר.

קאָריענטעס — אַ נאָמען פון אַ גאַס.

ווישילאַנטן — פּאָליציאַנטן.

קוואַדרע — בלאָק, קוואַרטאַל.

סקינע — ראָג.

סי סעניאָר — יאָ הער.

קאָמיסאַריע — קאָמיסאַריאַט.

באַלנעאַריע — אַ פּלאַזשע.

פאַרמאַסיע — אַפּטייק.

לעטשעראָ — אַ מילכפּירער.

מערקאַדע — מאַרק.

סעניאָראַ — פרוי.

גוואַרדאַ — אַ קאָנדוקטאָר.

אַלמאַסען — אַ שפּייז־קראָם.

אינהאַלט:

1) א מיידעלע אין בריוועקעסטל — — — — — — — — — 3

2) דער זעלבער איצבאַק — — — — — — — — — — 5

3) א נאַסט אף א ווייל און פרייד אף א מייל — — — — 8

4) א מייסע רים צוויי בערעלעך — — — — — — — — 12

5) דאָס פוילע מיידעלע — — — — — — — — — — 16

6) ווען קינדער וועלן גרויס ווערן — — — — — — — 19

7) סע שטייט אים אָנגעשריבן אפן שטערן — — — — — 22

8) אזא לאנד — א כארפע און א שאַנד — — — — — — 24

9) מענדל קענדל פלינגכאַפער — — — — — — — 31

10) בערעלע מיטן שערעלע — — — — — — — — — — 33

11) דער שטרייק פון די פייגל — — — — — — — — 36

12) דער ווינטער מיטן זומער וואוינען אין איין צימער — — 39

13) דאָס הינטעלע וואָס איז געוואָרן א קעצעלע — — — — 44

14) דעם שוסטערס ברויט — — — — — — — — — — 45

15) די גאַס פון די מוישעלעך און כאנעלעך — — — — 48

16) אין כינע לאכט דער קייסער — — — — — — — — 51

17) פאַרן קינדערלעך שפאצירן — — — — — — — — 55

18) שיעלע האָט שוין א באַן — — — — — — — — — 58

19) בריינדעלע וויל זיין א ייננעלע — — — — — — — 59

20) דער קינדערקלוב — — — — — — — — — — — 65

21) נישט טערקיש, נישט גרעקיש — — — — — — — — 70

22) די יאַטן וואָס האָבן נישט געוואָלט זיין קיין סאָלדאטן — 73

23) דעם מאַטאַרמאַנס ייננעלע — — — — — — — — — 80

24) א מייסע פון דער פארוויינטער גאַס — — — — — — 83

25) דער בלינדער מילכפירער — — — — — — — — — 86

26) וואו עס שטייט־דיין בעטעלע — — — — — — — — 91

27) זיי ווארטן אף טשאפלינען — — — — — — — — 93

28) וואו די וועלט האָט אן עק — — — — — — — — 97

29) דער העלפאנט וואָס האָט זיך אָפגעשניטן די נאָז — — — 99

30) מוישעלע מיטן קוישעלע — — — — — — — — — 102

31) א ציגל אריין א ציגל ארויס — — — — — — — — 104

פון זעלבן אויטאר דערשינען:

פון אלע זיבן זאכן

36 מייסעלעך פאר קינדער

פרייז 1.50 $

צו באשטעלונגען זיך ווענדן צו אלע אידישע בוכהאנדלונגען
אין בוענאס איירעס ווי אויך אפן אדרעס פון פארלעגער:

LITMAN GELTMAN
360 - Castelli - 360
Buenos Aires

עס גרייט זיך צום דרוק:

פעטער סימכעס שפאצירייען

15 פריילעכע מייסעלעך פאר קינדער.